NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13217

A TSUNG

Ber Orshanski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג „עמעס"-מאסקווע-1933

ב. אָרשאַנסקי

אַ צונג

דערציילונגען פאַר עלטערע קינדער

צייכענונגען און הילע פונעם
קינסטלער א. העסטער

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע, 1933

Printed in USSR
(Russia)

א צונג

אַלע מאָל, צווישן איין שלאַכט און דעם צווייטן, אַז מיר פלעגן ליגן ערגעץ אין אַן אונטערלויזטן כוטער, אויף גרינעם גראָז, אַביסל אויסגערוט, אַביסל אָפּגעגעסענע, — פלעגן מיר זיך אַרומזעצן אַרום מיכלען און פלעגן צושטיין צו אים, ער זאָל אונדז דערציילן מעשׂיות פון אַמאָל.

מיכל איז געווען... עס איז אייגנטלעך זייער שווער צו זאָגן, וואָס מיכל איז געווען: ער איז געווען אַלץ... ער האָט געאַרבעט אין שטאַב, ער איז געווען רעדאַקטער פון דער צייטונג, ער האָט אַכטונג געגעבן אויף דער קיך, די רויטאַרמייער זאָלן דאָס עסן באַקומען צו דער צייט; ער איז געווען אַ פּאָליטקאָם און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען אַ פּאָשטער, איינפאַכער רויטאַרמייער, וואָס איז געלעגן אויף די בלאָטיקע וועגן, וואָס איז געקראָכן איבער די זומפּן, וואָס האָט געשפּאַנט איבער די געדיכטע וועלדער מיט אַן אָטריאַד, קעדיי אָנצופאַלן ערגעץ אויפן ווייסן סוינע...

און אומעטום איז מיכל געווען שטרענג און האַרציק. ער האָט ניט מוכל געווען גאָרנישט. האָט עמעצער געטאָן אַ פאַרברעכן קעגן דער פּאַרטיי, קעגן דער ראַטנמאַכט, האָט איינער מיט זיינע מעשׂים פאַרשוועכט דאָס לעבן פון דער רויטער אַרמיי אין דער צייט פון שלאַכט, פלעגט ער אַליין האַרב שטראָפן און פלעגט פאָדערן פון אַנדערע די האַרבסטע שטראָף.

אָבער אַרופלייגן די שטראָף און אויספירן זי פלעגט ער שטענדיק מיט אַ מאָדנער האַרציקייט, מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס פלעגט געבן צו פאַרשטיין:

— ברודערקע, ביסט דורכגעפאַלן, האָסט אָפּגעטאָן אַ נאַרעשקייט... באַקום דיין שטראָף.

און אויסער דעם האָט ער געהאַט א באַזונדערע פייִקייט צו דערציילן מייַסעס פונ אמאָליקע אונדזערע קאַמפ־יאָרנ. דוכט זיכ גאָר ניט, אַז איינפאַכע געשעענישן אין דעם לעבנ פונ אונדזערע פאַרטיי־כאַווײרים... ווענ אַנ אַנדערער דערציילט עס, וואָלט עס גאָרניט געווענ אינגע רעסאַנט צו הערנ. האָט עס אָבער דערציילט מיכל, איז דאָס געווענ אינטערעסאַנט, שפּאַנענדיק, איז דער קלײנינקער, איינפאַכער פאַקט אויסגעוואַקסנ אינ א גאַנצער לעגענדע.

די יונגע רויטאַרמייער פלעגנ אים הערנ מיט גרויס פאַרגעניגנ. אונדזער ראָטע איז באַשטאַנענ קימאַט דורכויס פונ כעוורע, קינדער פונ מאָסקווער און לענינגראַדער אַרבעטער, וואָס האָבנ זיכ זייער פיל אָנגעהערט פונ זייערע עלטערנ וועגנ די אַמאָליקע, אומלעגאַלע צייַטנ פונ אונדזער פאַרטיי. און טאַקע דערפאַר פלעגנ זיי מיכלענ הערנ מיט א באַזונדער אינטערעס, ווייל בא אים פלעגנ איינפאַכע, „גראָע" געשעענישנ באַקומענ גאָר אַנ אַנדער פאַרב און אַנ אַנדער באַלויכטונג.

נאָכ זיינער א מייַסע פלעגט ווערנ לייַכט אפנ האַרצנ.

שווערע, זייער שווערע צייטנ האָט איבערגעלעבט די רויטע אַרמיי אינ 1919 און אינ 1920 יאָר. עס איז ניט געווענ וואָס צו עסנ, עס איז גיט געווענ וואָס אָנצוטאָנ, עס איז ניט אַלעמאָל געווענ מיט וואָס צו שיסנ.

בא אונדזערע יונגע כאַווײרים פלעגט אַמאָל פאַלנ דער מוט, זיי פלעגנ אָנהייבנ ווערנ אומצופרידנ.

אָבער נאָכ מיכלס א מייסע, פלעגט באַלד קלאָר ווערנ, אַז די דאָזיקע קלײנינקע אומאַנגענעמלעכקייטנ זיינענ גאָרניט אַנטקעגנ דעם גרויסנ ציל, פאַר וועלכנ אונדזער פאַרטיי האָט געקעמפט און קעמפט אינ פאַרלויפ פונ צענדליקער יאָרנ נאָכאַנאַנד...

דאָס האַרץ פלעגט פול ווערנ מיט באַגייסטערונג און עס פלעגט ווערנ אַזוי לייכט נאָכצולויפן אינ גאַלאָפּ אָפּ אַנ אָנגעזאָטלט פערדל נאָכנ סוינע, עס פלעגט אַזוי לייכט זיינ צו שטיינ אונטערנ האָגל פונ זיינע קוילנ.

וועגנ טויט האָט מענ דאַנ ניט געטראַכט, מע איז געווענ פול מיט לעבנ.

מיכל איז געווענ גאָרניט אַזוי יונג, ווי ער האָט אויסגעזען. אָבער קיינער אינ אונדזער ראָטע האָט אַזוי פריילעכ און אַזויפיל

— ווי קריגט מען א צונג?

ניט געלאכט, ווי מיכל, קיינער האָט אזויפיל ניט געשטיפט, ווי ער.

— איינמאָל, נאָך זייער א שווערער אָפּעראציע, זיינען מיר שטי־לערהייט געפאָרן צום פּונקט. אונדזערע ביידנס פערד, מידע, שוימיקע זיינען געגאנגען רויק.

מיכל איז געווען לעבעדיק און פריילעך: ער האָט לוסטיק אונ־טערגעפייפט און האָט מיר שטיל אפן אויער אזוי צוטרידן און גאר־לעסדיק ארייַנגערוימט:

— איך האָב זיי אָפּגענארט.

— וועמען? —

— אונדזער שטאב.

איך האָב פארשטאנען, אז דאָ ליגט עפּעס א שפּיצל, א שטיפעריי און איך האָב מיט א געמאכטן ערנסט א פרעג געטאָן:

— סטייטש, מיכל, וויאזוי האָסטו דאָס געטאָן?

— אָט אזוי... אָפּגענארט. — ער האָט אָפּגעהאקט און נאָך א שטי־פערישער פויזע געזאָגט: — אָפּגענארט און פארטיק. און די טונקל־גרויע לעבעדיקע אויגן זיינע האָבן ווייל־יונגעריש און כיטרעוואטע געקוקט אף מיר.

— און אז איך בין, אויך אזוי ווי ער, שטיפעריש־דראָענדיק צוגע־שטאנען, האָט ער מיר אפן אויער א זאָג געטאָן:

— אָפּגענארט, ארָאָפּגעגאנוועט גאנצע פופצן יאָר... איך האָב געזאָגט, אז מיר איז פינף־און־דרייסיק.

— איך האָב זיך צעלאכט און אין א שפּאסיק־שטיפערישן טאָן אים געמוסערט:

— סטייטש, אָפּנארן א שטאב? וויאזוי קאָן מען נאָכדעם בלייבן אין דער רויטער ארמיי אף אזעלכע פאראנטוואָרטלעכע ארבעטן?... און נעמט נאָך אט זיך אזעלכע ריזיקאלישע אָפּעראציעס...

— אז א מענטשן אין די פופציקער רעכנט מען פאר אן אינוואַ־ליד... און איך וועל נאָך צייט האָבן צו ווערן אן אינוואליד.

אָט דעם דאָזיקן כאַווער מיכל האָבן די רויטארמייער זייער ליב געהאט און פון די ערשטע טעג אָן האָט מען אים כאַוועריש גערופן „דיאַדקע". נאָר ער האָט באלד אָנגעהויבן פּראָטעסטירן: „דיאַדקע" איז אן אלט קאזארמיש וואָרט, א פּאסקודנע וואָרט, א מיעס וואָרט... רופט מיך שוין בעסער „פעטערל". די ניט־יידישע כאַווײרים, באזונ־

דערס די דאָרפישע, איז די ערשטע צייטן געווען זייער שווער ארויסצורײדן דאָס יִדישע וואָרט „פעטערל“. זיי פלעגן שטענדיק זאָגן „כוויעטערל“. אָבער מיכל האָט זיי גערוּלדיק געלערנט און שפּעטער האָט אים די גאַנצע קאַזאַרמע גערופן „פעטערל“.

אפילע דעם נאָמען זיינעם האָט מען פארגעסן.

פעטערל...

איז אָט איינמאָל, אין א ראַז־פּראַסטיקן פארנאכט, ווען אפן הארצן איז געווען אומעטיקלעך, האָט זיך איינער פון די רויטארמייער געווענדט צום באַוועך מיכל:

— פעטערל, דערציי׳ל עפּעס א שיינע מייסע. כאָמער וועסטו אביסל לײַגן מאַכט אויך ניט אויס, אבי עס זאָל נאָר זיין שיין.

— צו וואָס זאָל איך לײַגן, אז דער עמעס איז אזוי שיין. האָט איר ווו געזען אזא שיינעם עמעס, ווי בא אונדז?...

— נו, גוט, גענוג צו לויבן. בא דיר איז דאָך אַלץ שיין און גוט, — האָט אים דער זעלבער רויטארמייער אין א שפּאס געזאָגט.

— דערציי׳ל עפּעס!

מיכל האָט פארדרייט א ציגן־פּיסל און, פארקלעפנדיק דעם ברעג האָט ער געזאָגט:

— אז עס איז פּאָרט אזוי. אז אין דער גאנצער וועלט איז ניטאָ אזא גרויסער עמעס, ווי בא אונדז...

ער האָט פארייכערט און צוגעגעבן:

— אז איר וואָלט צוואנציק יאָר נאָכאנאנד געהאט צו טאָן מיטן צארישן גאָראָדאָווױ און זשאנדארם, אז איר וואָלט אומגעגאנגען, אזוי ווי מיר, אלטע באָלשעוויקעס, געשמידטע אין קייטן אייער גאנצן לעבן און וואָלט אלע טאָג געפילט אף זיך דעם שיקערן שפּײַ פון רוסישן זשאנדארם; ווען איר וואָלט זיך א פּאָר צענדליק יאָר אָפּגעוואלגערט אין די צארישע טפיסעס און די גאנצע צייט ברענען מיט איין פארלאנג — ארופוואַרפן זיך אף דער גאנצער עפּאָלעטנדיקער באנדע און דערווערגן זי, — דאן וואָלט איר, קינדערלעך, אויסגעצייכנט געפילט, וואָס פאר א פרייד עס כאַפּט ארום אזא הארץ, ווי מייגס, ווען איך בין איצט בא דער מאכט, ווען איך בין א באוואָפנטער און קען שיסן פרײַ אין סוינע.

— פעטערל, מיר קאָנען אייך, דיר איז אלעמאָל גוט, און דיר איז אלעמאָל פריילעך...

— גוט, זעצט זיך אויס, א סאָף אן עק. אז אייך טאָר מען דאָך קיין שלעכטס וואָרט ניט אויסריידן אף דער ראטנמאכט... איז וועגן וואָס זאָל איך אייך דערציילן, הא? א פריילעכע מייסע? א פריילעכע מייסע... אָבער עס זאָל זיין שטיל.

— פרעגן טאָר מען אויך גאָרניט?

—בעסער שפעטער נאָכן דערציילן. ס'איז אזא גוט פארנאכטל, א ראָזעווער. און אפן הארצן איז עפעס אזוי אביסל קאלאמוטנע...

— פע, פעטערל, וואָס איז מיט דיר? דיר זאָל זיין עפעס קאלאמוטנע...

— דו מיינסט, אז קאלאמוטנע איז אומעטיק, הא? קאלאמוטנע איז אזא מין געפיל, וואָס ביים מייסע איז טאקע קאלאמוטנע, אָבער שפעטער... אָהאָ, ברודערקע, ווי עס ווערט גוט.

— גוט, גוט, גענוג צו באָלבענען. דו זעסט, אלע זיצן שוין און וואַרטן, און דו באָלבעסט.

— נו, הייבן מיר אָן?

— געווען איז דאָס סאבאקל מיט עטלעכע כאדאָשים צוריק. אף אן אנדער פראָנט־ווינקל.

— פע... בעסער פון א מ א ָ ל י ק ע מייסעס, — האָבן זיך גענומען שיטן פון אלע זייטן פראָטעסטן.

— אז איר ווילט דאָך א פריילעכס, האָט דאָס פעטערל כיטרע־וואטע א קוק געטאָן אף די נייגעריקע אויגן פון די יונגע רויטארמייער... אמאָליקע מייסעס זיינען דאָך געווען ניט אזעלכע פריילעכע...

— איי, ניין, וואָס ווערסטו אונדז דערציילן פון אונדזערע פראָנטן, — מיר ווייסן זיי אליין... מיר וואלגערן זיך שוין צוויי יאָר אף די פראָנטן.

— נו־נו באַרויקט זיך, כאווריים, — האָט עו' הארציק א גלעט געטאָן א גרויסע שווארצע פאפאכע, וואָס פון אונ־טער איר האָבן ארויסגעקוקט צוויי לעבעדיקע בלויע אויגן. עס איז א גוטע מייסע, פארלאָזט זיך אף מיר.

ער האָט א ווײַלע א קוק געטאָן אפן גרויסן פייער־ראָד, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם אנטקעגנדיקן געדיכטן וואלד, אף די ראָד־

בײַשמשטענדיקע ברילױאַנטן־שנײעלעך, װאָס זײַנען געװען צעשאָטן אַרום, און געזאָגט:

נאָר, כאַװײרים, שטערט ניט...

ער האָט אײַנגעשפּאַרט אײַן קני אין די דלאָניעס פֿון זײַנע צור־נױפֿגעקלעמטע הענט און זיך ערגעץ װײַט פֿאַרקוקט. און באַלד האָט ער אָנגעהױבן אַזױ שטיל, װי ער װאָלט עפּעס אַן אַלטע לעגענדע דערצײלט.

אַזױ פֿאַרנאַכטלעך. די קלײנע שײַבלעך פֿון דער נידעריקער דאַרפֿישער כאַטקע זײַנען געװען באַגאָסן מיט שײַן פֿון דער זון, װאָס האָט זיך שטילערהײט געקײַקלט צום װײַטן ברעג פֿון דעם גאָלד־געשאָרענעם פֿעלד.

אין פֿרײַלעכן אָראַנזשן־שימער האָט זיך געשפּילט אַ גאָלדענער שטױב. און אין דעם גאָלדענעם שטױב האָבן דרײַ בלאָנדע קעפּ אָנגעלענט זיך אױף אַ לאַנדקאַרטע און האָבן געטראַכט:

— װי קריגט מען אַ „צונג"?

אַ צונג איז איצט אומבאַדינגט נײטיק. די אױסשפּירונגען האָבן די לעצטע טעג קײן באַזונדערן שליסל צו דער פֿאַרשטײענדיקער גרױ־סער אָפּעראַציע ניט געגעבן. װײַט אין הינטערלאַנד פֿון סױנע האָט זיך ניט אײַנגעגעבן אַרײַנצודרינגען און עס איז געװען ניט קלאָר, װאָס פֿאַר אַ קױכעס עס ליגן ערגעץ פֿאַרשטעקט אין די אַרומיקע געגנטן פֿון דעם סױנעס פּאָזיציעס און װאָס טראַכט דער סױנע צו טאָן אין די נאָענטסטע טעג.

די לאַגע אַפֿן פֿראָנט איז געװען אַ שװערע. די ניצכױנעס פֿלעגן זיך זײער שנעל בײַטן און מיר האָבן ניט געקענט אָנטאַפּן די סטראַ־טעגיע פֿון סױנע.

פֿון שטאַב איז מיט צװײ שאָ צוריק אָנגעקומען אַ פֿאַראָרדענונג:

— מע מוז קריגן אַ „צונג". אָבער די „צונג" דאַרף זײַן אַזאַ, פֿון װעלכער מע זאָל קענען אַרױסבאַקומען גענױע און װיכטיקע יעד־יעס. עס איז געװען קלאָר, אַז אַזױ זיך אַ פּױער, אָדער אַפֿילע אַ פּױלישער לעגיאָנער װעט די דאָזיקע יעדיעס ניט קאָנען געבן. עס איז נײטיק אַ „צונג", װאָס זאָל קענען איבערגעבן יעדיעס און פּלענער פֿון פּױלישן שטאַב.

די דרײַ בלאָנדע קעפּ האָבן אָנגעשטרענגט געטראַכט און גע־

ווארט אפ די יעדיעס, וואָס עס דארף ברענגען א גרופּע אויסשפּירער.

די זון האָט שוין פארלאָזן אונדזער סאָוועטישע ערד און געגנ־מען לייכטן ערגעץ אין אן אימפּעריאליסטיש לאנד... אזא טעווע האט זי שוין, די זון: ווי עס קומט אָן די נאכט, אזוי פאראט זי די ראסנ־מאכט און הייבט אָן זיך כיינדלען מיט אונדזערע סאָנים... ביספּעכ־ווייז האָט זיך ארויסגעוויזן דאָס ביספּלע ליכטיקייט, וואָס איז גע־בליבן נאָך דער זון, און אין אונדזער צימער איז געוואָרן פינצטער.

און אין דער פינצטערקייט זיינען סילועטן פון דריי קעפּ גע־האנגען איבער א לאנד־קארטע און געטראכט:

ווי קריגט מען א „צונג"?...

פון ערגעץ, פון דער ווייט, האָבן זיך אהער גענומען טראָגן טופּעניש פון פלאָען.

— זיי! — בין איך אופגעשפּרונגען. — זיי קומען אָן! אונדזערע פערד טופּען דאָס.

און באלד זיינען געוואָרן אויס סילועטן. קעפּ האָבן אופגע־טרייסלט זייערע בלאָנדע טשובן. דער קאָמאנדיר, אלעקסאנדער אנ־דריאָנאָוויטש שקאָטאָוו, האָט געגעבן א באפעל געדיכט פארהענגען די פענצטער און אָנצינדן דאָס קליינע לעמפּל מיט א דרייַער גלעזל.

צוויי אויסשפּירער זיינען געשטאנען נעבן טיש און האָבן ראַ־פּאָרטירט:

— אין דעם דערבייִיקן שטעטעלע שטייט, ווי באוווּסט, א שטאב פון א פּוילישן מיליטער טייל. היינט איז בא זיי א באל. דער גענע־ראל סוועטיצקי אָרדנט עס איין דעם באל. פאראיאָרן אין דער צייט איז ער דורך א „נעס" ניצל געוואָרן פון דער רויטארמייִשער ארומ־רינגלונג. אפן באל זיינען בלויז איינגעלאדן די שטאב־מיטגלידער און זייע־רע פרויען. סאכאקל א מענטשן 15—20. אן אווטאָמאָביל האָט שוין צו־געפירט אהינצו קאסטנס מיט פלעשער, פארשיידן עסנווארג.

אזוי האָבן זיי דערציילט.

אין צימער איז געווען שטיל. אלע זיינען געשטאנען ארום טיש אָנגעשפּארט מיט ביידע הענט, די קעפּ אראָפּגעלאָזט, די שטערנס האָבן זיך גערונצלט, דעם אָטעם פארטייַעט.

שקאָטאָוו האָט א הייב געטאָן זיינע גרויע אויגן און א קוק גע־טאָן אפ ראָמאנענקאָ, וואָס האָט איבערגעגעבן די יעדיעס.

— יאָ... אָבער די אײנצלהײטן פֿון וואַנען ווײסטו?

איך בין דרײ שאָ געלעגן אין מאָך הינטער אַ קוסט. דאָרט איז דאָ אַ שטיקל פֿרײַ פֿעלד אײנגעצאַנצן באַדעקט מיט מאָך. און איבערן מאָך. וואָרנישט־וווּ, הײבן זיך געדיכטע קוסטעס לאָזע, פֿון אָליעשניק. דאָס דאָזיקע פֿעלד שפּאַרט אָן אין אַ בעריאָזע וועלדל. און דאָרט, אין בעריאָזע־וועלדל שטײען די פּױלישע דאָזאָרן... איבערן מאָך איז גוט צו פּױזען. עס הערט זיך ניט. האָב איך זיך דערקלײַבן אַהינצו. צו זײ. ווי נאָר עס איז טונקל געוואָרן. די פּױלישע דאָזאָרן האָבן צווישן זיך געשמועסט. און איך האָב געהערט.

— די לעגיאָנערן האָט ער געהײסן אַרױסגעבן צו שקאַליקלעך בראָנפֿן לעקאָווער דעם יאָנטעק, האָט פּאַרענדיקט ראָמאַנענקאָ.

איך האָב אַ קוק געטאָן אױף כאַווער שקאַטאָוו און מיטאָמאָך דערזען, אַז די פֿאַרב פֿון זײַנע אױגן האָט זיך געביטן. די אױגן האָבן מיטאָמאָל באַקומען אַ טונקל־שטאָלענע פֿאַרב. און אינמיטן די אױגן האָבן געלױכטן צווײ קלײנינקע־קלײנינקע לעמפּעלעך מיט דרײַער גלעזלעך.

— דעם באַל דאַרף ער כראָווען בײַ אָנדז אין שטאַב, ניט בײַ זײ, — האָט זיך שקאַלאָוו געווענדט צו מיר.

מיר האָט אַ ברען געטאָן דער קאָפּ פֿון אַזאַ פֿאַרשלאָג.

ס'איז ניט פֿון די גרינגע זאַכן.

— איך ווײס, אָבער מע מוז זיך פּרוּוון. אַ שאָ צײַט האָסטו אױף צוגרײטן זיך. פֿאַר צווײ שאָ זײַן דאָרטן...

איך האָב געוווּסט, אַז שקאַטאָוו'ס אַ באַפֿעל איז אַ געזעץ.

איך בין אַרױס פֿון צימער און בין אַוועק צו זיך אין מײַן גרופּע.

עס האָט מיר שיר דעם קאָפּ ניט צעטראָגן.

— ווי פֿירט מען דורך די אָפּעראַציע?

אַ קורצע באַראַטונג פֿון אַ צען מינוט, און דער פּלאַן איז געוואָרן פֿאַרטיק.

— פֿיר אָטריאַדן צו צען מענטשן קלײַבן זיך אין שטעטל. אױף וועג נעמען מיר אַראָפּ אָן אײן שאָס די פּױלישע וואַך. פּונקט צו צווײ אַזײגער דינגלען מיר אַרום דעם פּױלישן שטאַב. און דאַן...

די פֿאַנטאַזיע—צעשפּילט זיך און אױף דער נאַרע אין אַן ענגן קרײַז איז זײער לײַכט צו מאַכן דעם פּלאַן... אָבער אױספֿירן אים?...

אין א שאָ ארום זיינען מיר געווען פארטיק. אז מיר זיינען פארטיק געוואָרן, איז געקומען כאַווער שקאַטאָוו.

ער האָט יעדן פון אונדז ארומגעקוקט, אויסגעבעסערט די פוילישע שינעלן, פאריכט די פוילישע קאסקעס אף די קעפ.

— א פוילישע ארמיי אָן א פוילישן גייסט, הא? — האָט ער פרייליך א פאטש געטאָן מיר איבער דער פלייצע.

— אף די פערד! — האָט ער זיך געווענדט צו אַלעמען.

מיר זיינען געבליבן אליין.

— פעטערל, די אַפּעראַציע איז זייער א שווערע.

— איך וויים.

— נו, ווי פילסטו זיך? —

— מע דארף אויספירן.

— די גאנצע שוועריקייט איז די פאַסטנס. דערקלייבן זיך צו זיי, אראָפּנעמען זיי. דו פאָר אף זיי מיטן קנאָק. רייד הויך פויליש, בא זיי זאָל קיין צווייפל ניט זיין, אז דאָס פאָרט א פוילישער אָטריאַד. און אז דו וועסט שוין זיין לעבן זיי, פארשטייס זיך, אז זיי וועלן שוין ליגן אין פעסל.

מיר האָבן פארלאָזן דאָס דאָרף. דאָס הארץ האָט געצאַפּלט.

וואָלקנס און בלויע שטיקער הימל מיט שטערן באשפרענקלט און ווען־ניט־ווען — א האלבע לעוואָנע... די לעוואָנע האָב איך ליב. זי איז ניט אזא קאָנטררעוואָלוציאָנערקע. די זון לייכט באטאָג, ווען עס איז אָלץ איינס ליכטיק, אָבער די לעוואָנע לייכט באנאכט, ווען עס איז פינצטער...

...דער אוילעם האָט א שמייכל געטאָן. מיכל האָט גענומען אָנשיכן א פאפּיראָס מאכאָרקע און אלע האָבן, קימאט ניט באוועגנדיק זיך, אויך געטאָן דאָס זעלבע. קיינער האָט ניט גערעדט, אלע האָבן געוואַרט אף דער פאָרזעצונג.

— פשא קרעוו, כאָליערא! — האָט ער מיטאמאָל אויסגעשריען... סטוי! — און ער האָט ווידער גענומען דערציילן.

— איך זאָג מיין כעוורע — איר וועט גיין מיט איין טראָט ווייטער, אָבער פארלירט מיך ניט אינדערפינצטער.

איך בין אוועק פאָרויס. נאָר איך האָב נאָך ניט באוויזן צו מאכן קיין צוויי טריט, ווי איך בין שוין געווען ארומגערינגלט פון דריי

פוילישע לעגיאָנערן. איינער פון זיי האָט באַלד אָנגעשטעלט אַף מיר א קליין עלעקטריש לאַמטערנדל און אין דער זעלבער סעקונדע האָט זיך עס פאַרלאָשן: ער האָט דערזען פאַר זיך א פוילישן אָפיצער. נאָך מער, ער האָט דערזען פאַר זיך א גאַנצן פוילישן אָטריאַד.

איך האָב שטיל אָבער ענערגיש אַרויסגעזאָגט.

— כאַווײרים, רינגלט זיי אַרום.

עס האָט ניט געדויערט קיין סעקונדע און די דריי פוילישע לעגיאָנערן זיינען געווען אַנטוואָפנט.

— שרייען זאָלט איר ניט, ס'וועט אייך ניט העלפן, — האָט געזאָגט ראָמאַנענקאָ גאַנץ קאַלטבלוטיק. — אָט דאָ לעבן אייך וועלן מיר אָוועקזעצן צוויי כאַווײרים, זיי וועלן מיט אייך דערווייל פאַרברענגען, ביז מיר וועלן זיך אומקערן צוריק. קיין סאַך וועט איר ניט דאַרפן וואַרטן. אין א צוויי שאָ אַרום וועלן מיר אייך באַפרייען.

מיר זיינען אַרויף אַפן שליאַכ. די לעגוואָנע האָט זיך אַרויסגעקוקט פון אונטער א שטיק וואָלקן און א שמייכל געטאָן.

— ווילע כעווערע, נאָר זייט פאָרזיכטיק... איך שטייט פאָר א שווער שטיקל אַרבעט.

איך האָב אָפּגעדאַנקט די לעוואָנע, וואָס זי האָט אונדז אַביסעלע באַלויכטן דעם וועג, און מיר זיינען אַוועק ווייטער.

נעבן שטעטל האָבן מיר אַנטוואָפנט נאָך צוויי דאָזאָרן.

איצט איז אונדז פאָרגעשטאַנען די שווערסטע אַרבעט. אונדזער גאַנצע אָפּעראַציע האָט איצט געמוזט זיין אויסגערעכנט אַף אויסערגעוויינלעכער געשיקטקייט און פלינקייט.

איין אָטריאַד איז געבליבן לעבן שטיבל. ער האָט פאַרנומען דעם אַריינפאָר אין שטעטל פון אונדזער זייט. איך מיט איין אָטריאַד פון א מענטשן צוואַנציק האָבן זיך פלינק אַריינגעריסן אין שטעטל. מיר האָבן זיך באַלד צעטיילט אַף דריי טיילן. צען געזונטע כעווערע האָב איך גענומען מיט זיך. און בין באַלד צוגעפאָרן צו דער קאָמענדאַנטור. די איבעריקע צען האָב איך צעטיילט אַף צוויי גרופּעס און זיי אַוועקגעשטעלט אַף די ראָגן פון צוויי גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום שטעטל פון דער פוילישער זייט.

אין שטעטל איז געווען שטיל. קיינער האָט זיך, ~~פאַרשטייט זיך,~~ אַף אונדז ניט גערעכנט. דאָס ביסל סאָלדאַטן, וואָס האָבן זיך, פאַר-

שלאָפּענע, ארומגעדרייט אף דער גאַס, האָבן מיר ניט געטשעפּעט. מיר האָבן זיי נאָר ניט געלאָזן אריינגיין צוריק אין זייערע הייזער. געדעדם האָבן מיר מיט זיי פּויליש, און געברויכט האָבן מיר אין אונדזער געשפּרעך מיט זיי די זעלבע „איידעלע" ווערטער, וואָס די פּוילישע אָפיצערן האָבן שטענדיק געברויכט אין באַרירונג מיט די פּוילישע סאָלדאטן.

זיי האָבן ניט געוווסט, וואָס דאָ קומט פאָר: א פּוילישער אָט־ריאַד האָט זיך אריינגעריסן אין שטאָט, פארהאַלט פּוילישע סאָלדאטן, לאָזט זיי ניט אריינגיין צוריק אין די הייזער. זיי זיינען געשטאַנען מיט די שינעלן אף די פּלייצעס, זיך געטרייסלט און האָבן מאָדנע־פארוווּנדערט געקוקט איינע אף די אנדערע.

אין א קליין נידעריק שטיבעלע, פּונקט אנטקעגן דער קאָמענ־דאנטור, איז געווען די פּאָליציי. מיר האָבן באַלד איבערגעשניטן די טעלעפאָנ־דראָטן און ארומגערינגלט דאָס שטיבל.

אין דער אנטקעגנדיקער שטוב, וו עס איז געווען די קאָמענ־דאנטור, איז געווען ליכטיק. דאָרט האָט געשפּילט מוזיק און דורך די פענצטער איז געווען צו זען, ווי פאָרלעך האָבן זיך געדרייט אין א ווילדן טאַנץ.

מיטאַמאָל האָט זיך האַסטיק אָנ עפן געטאָן די טיר פון די קאָ־מענדאנטור און אָנ אָפיצער מיט צוויי לעגיאָנערן האָבן זיך באַוויזן אף דער שוועל.

אף איין סעקונדע איז מיר געוואָרן קאַלט. אָבער ניט מער ווי איין סעקונדע. איך בין צוגעלאָפן צו אים. און אים, — אף פּויליש, נאַטירלעך, — ביי א פרעג געטאָן:

— לעבן פראַנט! הוליאַנקעס לעבן פראַנט? אַרעסטירט אים!

— און באַלד זיינען אַלע דריי געווען ארעסטירט, אנטוואָפנט און אָפּגעפירט אָן א זייט, צו איינער פון די גרופּעס, וואָס איז געשטאַנען אפן ראָג גאַס. ס'איז ווידער געוואָרן שטיל.

מיט א קנאַק פון שפּאָרן האָב איך זיך אריינגעריסן אין דער קאָמענדאנטור. מיר האָבן באַלד פארנומען אַלע פענצטער. מיין גאַנ־צער אָטריאַד איז געשטאַנען מיט אָנגעשטעלטע רעוואָלווערן און גע־צילט אין עמעצנס ברוסט.

איין סעקונדע האָבן זיך נאָך די פאָרלעך געדרייט. די מוזיק

האָט געשפּילט. מיט איינמאָל האָט זיך אַלץ איבערגעריסן.

איין סעקונדע איז געווען א שוידערלעכע שטילקייט.

נאָר באַלד האָט די שטילקייט דורכגעריסן א פרויען־קוויטש

— שטיל זאָל זיין! איך וועל אייך דערשיסן אפן אָרט!

איך האָב זיך געווענדט צו איינעם אן עלטערן מענטשן, וואָס איז א שיקערער געשטאַנען לעבן א דיקער דאַמע.

— איר זייט גענעראַל סוועטיצקי? ווער האָט אייך דערלויבט צו מאַכן הוליאַנקעס לעבן פראָנט?

און איידער ער האָט מיר וואָס געקענט ענטפערן, האָב איך געגעבן א באַפעל: —אַנטוואָפנט אַלעמען!

מיין כעוורע האָט זיך באַלד א נעם געטאָן צו עטלעכע אָפיצערן, וואָס זיינען דאָרט געשטאַנען אויך אזוי שיקער, ווי דער גענעראַל סוועטיצקי, און האָבן זיי אַנטוואָפנט.

— איר זייט אַרעסטירט! נעמט זיי!

אָן היטלען, אָט ווי זיי זיינען געשטאַנען אין טאַנץ, האָבן מיר זיי א נעם געטאָן און אַרויסגעפירט פון דער שטוב.

אָן דער זייט איז געשטאַנען א גרויסער פּראַכט־אווטאָמאָביל. מיר האָבן זיי דאָרט אריינגעזעצט. אוועקגעזעצט מיט זיי עטלעכע רויטאַרמייער. געגעבן אן איינגענעם שאָפער.

איך האָב א פייף געטאָן.

עס האָבן זיך געוויזן די איבעריקעביידע אָטריאַדן.

איך האָב געגעבן א פאַראָרדענונג:

— אַרומרינגלען דעם אווטאָמאָביל, צונעמען די עטלעכע פערד פון די רויטאַרמייער, וואָס זיצן אין אווטאָמאָביל! מיר פאָרן!

אז אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָב איך זיך געווענדט צום אָפיצער, וואָס איז פון דער הארבסטיקער נאַכט און פון שרעק געזעסן און זיך געטרייסלט אפ די טרעפּ פון דער קאָמענדאַנטור מיט די צוויי סאָלדאַטן.

— איר וועט אריינגיין אין פּאָליציי־צירקל און וועט דורכן טעלעפאָן איבערגעבן אין נאָענטן שטאַב:

—די אָפּעראַציע איז פאַרענדיקט. גענעראַל סוועטיצקי איז אַרעסטירט

און אז איך בין געזעסן אפן פערד און דער אווטאָמאָביל האָט

באַרבסנרטע און צעקראָכענע ווינען געשטאַנען די „צינגער"

זיך פֿוין פּוניווייטן געטראָגן איבערן שליאַך, האָב איך א געשריי געטאָן:

— סט'איבערגעבן א הארציקן גרוס פּילסודסקין. פֿון מיר און פֿון גענעראַל סוועגטיצקי!

מיר זיינען אין גאַלאָפּ געפֿלויגן פֿון דער שטאָט. אפֿן וועג האָבן מיר אונטערגעקליבן די כאַוויירים, וואָס זיינען געשטאַנען בא די אַרעסטירטע דאָזאָרן, און דער גאַנצער אָטריאַד מיינער מיט די פֿינף „צינגער", עמעס אביסל פֿיקערע, זיינען געפֿלויגן צו אונדזער שטאַב.

אין אַ שאָ ארום זיינען מיר שוין געווען אויסער יעדער געפֿאַר: מיר זיינען געפֿאָרן אַפֿ דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

די לעוואָנע האָט שוין פֿאַרטריבן אַלע וואָלקנס און איז אונדז נאָכגעלאָפֿן אויך אין גאַלאָפּ דעם גאַנצן וועג. דאָס האַרץ האָט געצאַפּלט אָבער איצט שוין פֿון פֿרייד.

מיר זיינען אַרויסגעפֿאָרן פֿונעם בעריאָזע־וועלדל, און מיטאמאָל האָב איך דערזען — אונדז אנטקעגן יאָגט זיך א גרויסער אָטריאַד רויטאַרמייער מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן.

— סטוי! ווער איז דאָ!

איך האָב אָפּגעשטעלט דעם צוג, האָב אָנגעשפּאָרט דאָס פֿערד און בין אַוועק פֿאָרויס. אנטקעגן מיר איז געפֿלויגן א פֿערד און אַפֿ אים האָב איך פּוניווייטן דערקענט:

שקאַטאָוו...

מיר האָבן זיך ביידע אָפּגעשטעלט.

און מיטאמאָל האָבן מיר זיך ביידע צעלאַכט —

אין א האַלבע שאָ ארום זיינען מיר געזעסן אין אונדזער דאָרפֿיש הייזל, באַם קליינעם לעמפּעלע מיטן דריטער־גלעזל:

פֿאַרציטערטע און צעקראַכענע זיינען געשטאַנען די פֿינף „צינגער"...

דער גענעראַל האָט זיך דער ערשטער אויפֿגעכאַפּט. ער איז געשטאַנען און ער האָט זיך געטרייסלט, ווי אין קאַדאַכעס.

— דער „נעס" האָט אייך אונטערגעפֿירט, האַ?

שקאַטאָוו איז געשטאַנען אנטקעגן אים.

— איר ווייסט, ווו איר זייט?

— ניט ווייט פֿון פּילסודסקין, — האָב איך פֿאַר אים געענט־

פערס. — איך האָב דאָרט איבערגעגעבן א גרוס פון אייך, איר קענט שוין איצט זיצן רויִק.

א גאנצע נאכט איז קיינער פון אונדז ניט געשלאָפן. די טע־לעפאָנען האָבן געקלונגען. עסטאפעטן זיינען געפלויגן מיט פאר־מאכטע פאקעטן, מיט וויכטיקע ידיעס.

אפ מאָרגן אינדערפרי איז אונדזער צירקל פון פראָנט געוועז גרייט צו באגעגענען דעם סוינע.

און צו פארנאכט האָט זיך צעפלאקערט א שלאכט.
דעם אָנגריף האָבן מ י ר געמאכט.

אין צווי טעג ארום האָב איך מיט אן אָטריאד רויטארמייער פארנומען די פוילישע קאָמענדאנטור, ווו גענעראל סוועטיצ־י האָט געפייערט דעם יאָריקן יובליי פון זיין „נעס“ — — — — — — — —

דער פעטער איז אנטשוויגן געוואָרן.

מיר אלע האָבן אויך געשוויגן, נאָר די אויגן אונדזערע האָבן געברענט און געקוקט אפן פעטער.

דער פעטער האָט זיך צעלאכט.

— וואָס־זשע זייט איר געבליבן געפלעפט?

דער געלעכטער האָט אונדז א ביסל צעשטרייט.

— א שיינע מייַסע! — האָט איינער א רויטארמייער ארויסגעזאָגט.

— און א פריילעכע, האָט דער פעטער צוגעגעבן. יאָ, א פריי־לעכע...

— נעכטן האָט מען מיך ארויסגערופן אין שטאב... כאווער שקאטאָוו איז א גרויסער זשוליק. ער האָט מיר גאָרניט געזאָגט און האָט אוועקגעשיקט א ראפאָרט, וואָהין מע דארף וועגן דער אָפעראציע.

— נו, — זיינען אלע געוואָרן נייגעריק.

— א באפעל פון רעוומילראט...

— הענגען, צי שיסן? — האָט איינער אין שפאס א פרעג געטאָן.

— הענגען... עס וועט באלד הענגען בא מיר אפ דער ברוסט אן אָרדען פון דער רויטער פאָן...

— קאטשאט יעוואָ!...

און מיטאמאָל איז דעם פעטערס פיגור־אומבאהאָלפן געפלויגן ארום און אראָפּ אינדערלופטן...

אין בלויען קעסטעלע

סטוי!

געדענק איך אמאָל א הארבסטיקע נאכט אין א טיפן געדיכטן וואלד...

איך און אדאָלף זיצן מיר · אפ א פור און צוזאמען מיט אונדז — עטלעכע ספעקוליאנטן, וואָס האנדלען מיט סאכארין, מיט דאָלארן און נאָך אזעלכע מינים סחורעס.

פאָרן מיר אזוי... אייגנטלעך פאָרן מיר ווייניק. מיר גייען מער, ווי מיר פאָרן. ווייל קיין וועג איז ניטאָ. עפעס קוים דורכגעטראָטענע קליינע וואלד־וועגעלעך, קרומע, פארבלאָטיקטע. שוין עטלעכע שאָ, ווי עס שיט א גרויסער שניי. די בלאָטע איז געוואָרן געדיכט, קוים וואָס דער וואָגן שלעפט זיך. און אזוי ווי דער וואָגן איז געפאקט מיט מענטשן, איז שוין אונדז ליבער צו גיין בא דער זייט פון וועג, איידער צו פאָרן מיט דער פור.

אגעוו, אז מיר גייען בא דער זייט פון וועג, איז מעגלעך דורכ־צוריידן זיך, קיינער וועט אונדז ניט הערן, און מיר קאָנען ריידן, וואָס מיר דארפן.

און דורכשמועסן זיך איז דאָ וועגן וואָס.

מיר ביידע פאָרן פון ליטע קיין ראטן־רוסלאנד. ביידע פאָרן מיר אפן פערטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן. דאָס איז געווען אין 1922 יאָר. דער קאָנגרעס איז צונויפגעפאלן מיטן פינפטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

שוין צוויי וואָכן, אז איך גרייט זיך צו דער רייזע, און די גאנצע צוויי וואָכן בין איך אומרויק איבער איין געדאנק — צי וועלן מיר ניט ארייַנפאלן אין די הענט פון דער פאָליציי...

און מוידע געהאט האָב איך מער פארנ כאוועד אדאָלפ, אייִדער פאר זיכ. איך האָב געהאט ניט קיינ שלעכטנ פאס. אינ ערגסטנ פאל באשטראָפט מענ מיכ אונ גאָר. אָבער כ' אדאָלפ איז נאָר וואָס אנט־לאָפנ פונ דער טפיסע, אונ אויב מע וואָלט אימ געכאפט, וואָלט שוינ געווענ שלעכט.

האָבנ אונדזערע כאוויירימ אלע מיטלענ אָנגענומענ, מיר זאָלנ ווי מעגלעכ זיכער אריבער די ליטווישע גרענעצ.

ווער איז כאוועד אדאָלפ?

איר האָט מיסטאָמע ניט לאנג געלייענט אינ די צייטונגענ, אז די ליטווישע פאשיסטישע רעגירונג האָט דערשאָסנ פיר ליטווישע קאָמוניסטנ. צווישנ זיי איז אויכ געווענ א יונגער כאוועד, א מיט־גליד פונ צעקא פונ דער ליטווישער פארטיי, כאוועד קארל פאָזשעלא. אָט דער דאָזיקער כאוועד קארל האָט געהאט א צונעמעניש אדאָלפ. מיר ביידע זיינענ עס געפאָרנ אפנ פערטנ קאָנגרעס פונ קאָמינטערנ, געשיקט פונ די ליטווישע כאוויירימ.

די ליטווישע גרענעצ זיינענ מיר אריבערגעגאנגענ אונ מיר גייענ שוינ איבער דער פוילישער טעריטאָריע. מיר זוכנ ווי עס איז א וועג צו א קליינ שטעטעלע, א באנ־סטאנציע, פונוואנענ מיר רעכענענ זיכ דערקלייבנ קיינ ווילנע אונ פונ דאָרט צו דער סאָוועטישער גרענעצ.

פארשטייט איר שוינ, אז מיר האָבנ געהאט וועגנ וואָס צו ריידנ. די ערשטע זאכ האָבנ מיר געדארפט אָפריידנ, ווי זאָלנ מיר זיכ האלטנ אינ פאל, אויב מע ארעסטירט אונדז. אונ מיר האָבנ טאקע אָפגערעדט:

— איכ בינ א רעזשיסער. נאָכ אינ 1919 יאָר האָבנ די באָל־שעוויקעס נאציאָנאליזירט מיינ טעאטער, וואָס איכ האָב געהאט אינ מאָסקווע. דאנ בינ איכ אנטלאָפנ קיינ אויסלאנד. איכ בינ געווענ אינ בערלינ. די ערשטע יאָרנ איז געווענ ניט שלעכט. שפעטער, אז די דייטשישע וואליוטע האָט אָנגעהויבנ פאלנ, איז דאָרט געוואָרנ אומעגלעכ צו לעבנ. אינ רוסלאנד איז דערווייל געוואָרנ „נעפ", מע קאָנ עפענענ טעאטערנ. פאָר איכ פונ בערלינ אהיימ קיינ וויטעבסק.

— אונ איכ—זאָגט כ' אדאָלפ—בינ א סטודענט פונ געוועזענעמ יורייעווער אוניווערסיטעט, וואָס האָט זיכ אריבערגעקליבנ קיינ וואָ־

ראָנעזש. הייסן הייס איך לעסקאָוו. בא מיין פאָטער האָט מען קאָנ־פיסקירט די מיל און דעם ניטגרויסן מאַיאָנטעק. בין איך אוועק־געפאָרן קיין אויסלאַנד. איך האָב זיך אין קעניגסבערג געלערנט. איצט קערט מען אום דעם טאַטן די מיל, עס איז אין רוסלאַנד רו־יִקער, עס ציט אַהיים...

אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט.

אונדזערע ביידנס געדאַנקען זיינען געווען דאָרט, אין פריִער ראַטן־רוסלאַנד, וווּ מיר דאַרפן זיך ניט גאַנווענען דורך בלאָטיקע און קאַלטע נעכט...

ביידע האָבן מיר זיך אַריבערגעטראָגן מיט אונדזערע געדאַנקען אין לענינגראַד, וווּ עס האָט, לויט די ידיעות, וואָס מיר האָבן גע־האַט, געדאַרפט פאָרקומען די ערשטע פריערלעבע עפּעגינג פון פערטן קאָנגרעס. מיר געדענקט זיך אויסגעצייכנט די דאָזיקע עטלעכע שאָ. איך האָב בוילעט געזען לענינגראַד מיט אירע נאָך אַלץ אַריסטאָ־קראַטיש פאַרבליבענע גאַסן; איך האָב געזען דעם לענינגראַדער פּראָ־לעטאַריאַט, די קאָלאָסאַלע דעמאָנסטראַציע, וואָס ער אָרדנט איין די געקומענע געסט, די פאָרשטייער פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט.

עס האָט געשאָטן א גרויסער געדיכטער שניי, וואָס איז אייגנט־לעך געווען מער רעגן, איידער שניי. איך בין אינגאַנצן געווען א דורכגענעצטער. איך האָב גענומען פיבערן. אָבער דאָס אַלץ איז ערגעץ געווען ווייט־ווייט פון מיר. איך בין געווען אין לעגענדאַרן לאַנד, אין ראַטן־לאַנד. איך האָב געזען דאָס נייע רוסלאַנד, וואָס האָט זיך שוין אַביסעלע אָפּגעבויט, אַביסעלע אָפּגעוואַשן זיך, אַבי־סעלע אויפגעשטעלט... ווייל איך בין אוועקגעפאָרן פון דאָרט אין 1921־טן יאָר, ווען עס איז נאָך געווען אַלץ צעשטערט, צעבראָכן, שמוציק און הונגעריק.

מיין כאַווער אַדאָלף, איז נאָך מער געווען פאַרטאָן אין זיין געדאַנק וועגן ראַטן־רוסלאַנד. ער האָט רוסלאַנד קיינמאָל ניט געזען, ער איז אין רוסלאַנד קיינמאָל ניט געווען. פאַר אים איז דאָס טאַקע געווען אַן עמעסע לעגענדע...

זיינען מיר ביידע אַזוי געווען פאַרטאָן אין זיך, פאַרנומען מיט אונדזערע געדאַנקען, מיט אונדזערע פאַנטאַזיעס.

ערשט מיטאמאָל
— סטאָי! . . . .

. . . .

.

א „וועלאָסיפּעד"...

מע האָט אונדז מיט א צענדליק שיקורים אריינגעוואָרפן אין א גרויסן הויכן צימער, ענלעך אפ א שטאַל: די פענצטער מיט גראַטעס, מיט אויסגעזעצטע שויבן. די ווענט נאַסע, דער דיל א ברודנער...

אפן דיל, אין ברוד, האָט זיך געוואַלגערט עפּעס א כראָפּענדיקער שיקער און ארום אים האָבן זיך געייסעקט מיט א קייכעניש פון געלעכטער די איבעריקע ארעסטירטע. איינער, אפּאָנעם א ספּעצ אפ די זאכן, האָט אים געמאכט א „וועלאָסיפּעד"... איך זע אָבער, קינדער, אז איר פארשטייט גאָר ניט, וואָס הייסט א „וועלאָסיפּעד"? אפּאָנעם, אז איר זייט אין קיין צארישער טפיסע קיינמאָל ניט געווען, מוז איך אייך דערציילן: א „וועלאָסיפּעד" הייסט, אז מע נעמט א פּאָר שטיקלעך לאנגע פּאפּיר און מע שטעקט אריין צווישן די פינגער פון די פיס אזא ארעסטירטן, וואָס איז אָדער שיקער, אָדער ער שלאָפט זייער שטארק. די דאָזיקע פּאפּירלעך צינדט מען אונטער און אז דאָס פייער דערגייט ביזן לייב, הייבט דער קאָרבן אָן צו דרייען פלינק מיט דעם פוס, ווי מיט א ראָד פון א וועלאָסיפּעד.

איז אָט, שטייען אלע איבעריקע ארעסטירטע ארום דעם שיקער, וואָס ליגט אינמיטן צימער, און מע מאכט אים א „וועלאָסיפּעד". זיי לאכן און קוועלן אָן, ווען דער שיקער, וואָס קאָן זיך פאר קיין פאל ניט אופכאפּן פון שלאָף, דרייט מיט דעם פוס און ברומט, ווי א ווילדע חיה.

פאר אונדז ביידן איז אזא שפּיל ניט געווען קיין נייס, ווייל מיר זיינען ביידע געזעסן אין דער טפיסע נאָך אין די צארישע צייטן, אָבער פונדעסטוועגן האָט דאָס אפ אונדז געמאכט א שווידערלעכן איינדרוק.

ערשט נעכטן באנאכט זיינען מיר געווען אפן זיבעטן הימל — מיר זיינען מיט אונדזערע געדאנקען געווען אין מאָסקווע, מיר האָבן שוין געטעמט מיט דער לופט פון פּראָלעטארישן פאָטערלאנד, מיר

זיינען שוין געווען אַף די זיצונגען פון קאָמינטערן... און אינמיטן דערינען זיינען מיר אָפּגעשליידערט געוואָרן ערגעץ אַפן דעק פון דער שווידערלעכער ווירקלעכקייט, וואָס דערמאָנט אָן אוראַלטע ווילדקייטן...

און, אַפּאָנעם, אַז אונדז וועט אויסקומען אָנשטאָט יאָנטעוודיקע דעמאָנסטראַציעס, אָנשטאָט מאָסקווע, אָנשטאָט קרעמל, אָנשטאָט קאָמינטערן, צו זיין אין די הענט פון דער פוילישער זשאַנדאַרמעריע מיט איר בלוטיקער אינקוויזיציע...

מיר האָבן זיך פאַרשטעקט אין א הינקעלע, אַפן האַרצן איז געווען פינצטער. אונדז איז שווער געווען צו קוקן איינער אַפן אַנדערן... יעדער פון אונדז האָט שטילערהייט אוועקגעלייגט אין ווינקעלע זיין פעקל און זיך אוועקגעלייגט אָן א זייט, שטיל, איינגעהויקערט אין זיך. יעדער פון אונדז האָט געטראַכט וועגן איין און דער זעלבער זאַך:

— פינף יאָר אָקטיאַבער־רעוואָלוציע און אין טפיסע... בא די פאַרפלוכטע פוילישע הינט...

און עס הייבט זיך אויף א שטורעם אין האַרצן. עס קריצן ביין און אומבאַהאָלפן די ציין.

מיין כאַווער האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעצויגן, האָט גרויליק אַריבערגעוואָרפן איין פוס איבער דעם אַנדערן, האָט פאַרוואָרפן די הענט אַהינטערן קאָפּ און בייז אַרויסגערעדט:

— פאַרשאָלטן זאָלסטו ווערן, דו פינצטער כויזן! פינף יאָר אָקטיאַבער־רעוואָליוציע און אין טפיסע.

זיינע גראָ־בלויע אויגן, וואָס האָבן שטענדיק אַזוי מילד און כאַווערישהאַרציק געקוקט אַף אַלץ און אַלעמען, האָבן געפינקלט מיט בייזקייט און געקוקט גלאַט אַזוי, נאָר דערפאַר, ווייל די אויגן זיינען געווען אָפן... געזען האָט ער דאָרט גאָרנישט, ווייל זיין געדאַנק איז געווען ניט דאָ...

און דאָ לאַכט מען ווילד און מע האָט האַנאָע פון יענעמס ליידן, דאָ זידלען זיך שיקערע מיט שמוציקע, קלעפּיקע ווערטער, דאָ איז די צעיושעטע ווילדקייט.

— פינף יאָר לעבן, ווען זיי וואָלטן בא אים צוגענומען, צען יאָר (כאָטש זיי דער טייוול), אָבער...

און א קריץ מיט די ציינ.

— איכ וועל זיכ אמאל מיט זיי אפרעכענענ!..

א שווערע נאכט. א פינצטערע נאכט. דורכ די פארבלאטיקטע שטיקלעכ שייבעלעכ קריכט אמאל דורכ א שיטערע גרינבלאסע שיינ פונ דער לעוואנע, נאר די גרויסע שטיקער שמאטע־וואלקנס פאר־שטעלנ זי באלד און אינ גרויסנ שוידערלעכנ צימער הוליעט אריינ דער הארבסט־ווינט, א נאסער, א קאלטער און א פרעמדער...

און אפנ הארצנ איז אייכ אזוי קאלט און־אזוי פרעמד...

און פארטאג—א הילכיקער סקריפענדיקער קאל פונ א מענטע* רופט אויס איינציקוויז פאמיליעס...

— לעסקאוו!

— זעליקסאנ!

דאס זיינענ אונדזערע פאמיליעס. אזעלכע פאמיליעס האבנ מיר אויסגעטראכט פאר זיכ.

מיר הייבנ זיכ ניט גערנ אופ פונ אונדזערע געלעגערס. וווהינ מע זאל אונדז ניט פירנ, וועט דארט זיינ ניט בעסער. מיר ווייסנ — עס דארפנ זיכ אנהייבנ די אויספארשונגענ... ווענ וועלנ זיי זיכ ענדיקנ? איז שוינ פיל בעסער אינ כפיסע זיצנ, איידער צו וואלגערנ זיכ איבער אזעלכע ארעסכהייזער, איידער אנצוקוקנ די פאליציייש־עקל־האפטע פענעמער פונ דער פוילישער זשאנדארמעריע...

דאס יינגעלע מיטנ פארשמירטנ פענעמל

א נאסער און הארבסטיקער פרימארגנ. מיר זיינענ אינ סוועג־ציאנ. א שטעטל ניט קיינ גרויס, מיט פילביימער אינ די גאסנ.

א נאסער ווינט. די שיטער געווארענע ביימער שאקלענ זיכ און ווארפנ זיכ, רוישנ און ליארעמענ, ווי זיי וואלט געוועג קאלט צו שטיינ אזוי נאקעט אפ די הארבסטיקע ווינטנ.

דאס שטעטל האט זיכ נארוואס אופגעכאפט פונ שלאפ. עס הייבנ זיכ אנ צו עפענענ קראמענ, עס צעעפענענ זיכ לאדנס און אינ די פארוויינטע פענצטער באוויינז זיכ פארשלאפענע פענעמער.

---

* מענטע איז אפנ טפיסע־לשונ א פאליציאנט.

אונדז — א גרויסע גרופע ארעסטירטע — פירט מען צום סטאראסטע, א טשינאָווניק, וואָס בא. אים אין די הענט ליגט די גאנצע מאכט. פירט מען אונדז צו אים, און פון אלע קראָמען און טויערן לויפן ארויס פאדשמייעטע בירגער אפן בייזווינדער.

— א ראכמאָנעס נעבעך...

— אלע טאָג פירט מען צענדליקער. ווער ווייס, ווו מע טוט זיי אהין?

— זע, עפעס דאָרטן ניטהיגע גען... דו זעסט אָט יענע צוויי.

אריבערגייענדיק די גאס, האָב איך צווישן אוילעם דערזען צוויי יינגלעך—איינס א יאָר פופצן און דאָס צווייטס עטוואָס יינגער. דער פופצניאָריקער איז געווען א פעסטגעבויטער, מיט פארקאשערטע ארבל, ווי בא א שמיד, מיט א שמידיש אויסגעשמירט פּנעמל.

און דורך דער פארשמירטקייט האָבן אפ אונדז געקוקט צוויי בלישטשענדיקע אייגלעך, נייגעריקע, ברענענדיקע און נאָענטע. דאָס דאָזיקע יינגל האָט א שלעפ געטאָן דעם צווייטן פארן ארבל:

— דו זעסט אָן יענע, מיט די ברילן?..

—ביידע מוזן זיין...

און דער יונגער שמ״ר טוט א שלעפ דעם צווייטן און זאָגט אים געהיים אפן אויער:

— קום. . . . .

. . . .

שלעפן זיך גורנע שאָען און באַליידיקנדיקע אייספרעגענישן. עס זידט דאָס בלוט, עס קריצן די ציינער, עס ווילט זיך א שפיי טאָן אין פּאָנעם אָט דעם פוילישן אויספאָרשער, וועלכער קריכט אריין צו דיר אין דער נעשאָמע, וויל וואָס עס איז דערגיין בא דיר... און אז דער אויספאָרשער שטייט צו און ווערט איינגעגעסן, ווי א זלידנע פליג, ווער איך בייז און זאָג אים שטיף און קאָלט:

— אנטשולדיקט, צוליב וואָס זאָלט איר זיך אזויפיל מאטערן און וועלן דערגיין, אין וועלכן יאָר איך בין אנטלאָפן פון רוסלאנד און דורך וועלכע וועגן איך בין געקומען קיין בערלין. איך בין א רוסישער בירגער. שיקט מיך אָפּ אין רעשוס פון רוסישן געזאנדטן. ער וועט שוין פאנאנדערקלייבן. בין איך א פארברעכער, וועט ער מיך מיסטאמע שיסן, אָדער הענגען.

דער אויספאָרשער האָט אופגעשטעלט אפ מיר א שמייכלענדיק־יעזויִטישנ בליק, האָט אפ אייג מינוט אָפגעלייגט אלע פאפירנ אונ לאנג אונ שפּונדיק געקוקט אפ מיר.

אייגנטלעכ ווייסנ מיר גארניט, וואָס פאר א בירגער איר

באם אויספאָרשער

זיינט. מיר האָבנ בא אײַכ קיינע שום דאָקומענטנ ניט געפונענ. איר זאָגט, אז איר זיינט א רוסישער בירגער, ווער קענ דאָס פעסטשטעלנ?

— דאָס וועט פעסטשטעלנ אונדזער מיסיע... זי וועט אָנפרעגנ אינ מײַנ שטעטל, זי וועט ארויספאָדערנ מײַנע דאָקומענטנ...

דער אויספֿאָרשער האָט לאַנג געגראָבן זיך אין די פּאַפּירן, האָט זייער קאַלט, אָפּגעלאָזעס קאַלט גענומען צונויפֿלייגן די פּאַפּירן אין דער פּאַפּקע.

— איז ווילט איר, הייסט עס, נאָר וואָס ניכער, מיר זאָלן אײַך אָפּשיקן אַהיים... צו אײַך אַהיים אין סאָוועטישן רוסלאַנד?

— יאָ, דאָס וויל איך.

— וועט איר אַביסעלע מוזן וואַרטן, האָט ער מיט אַ יעזויטישן שמייכעלע אַרויסגעזאָגט. איר מוזט זיך די ערשטע זאַך אַביסעלע באַרויִקן. איר וועט בא אונדז אָפּזיצן אַ באַדאָקטים 5—6 אין טפּיסע, וועט איר זיך אַביסעלע אָפּקילן, דאַן וועט מען מיט אײַך קענען ריידן...

ער האָט קאַלט צונויפֿגענומען זײַן פּאַפּקע מיט די פּאַפּירן און איז אַוועק צו דער טיר. ער האָט זי שטיל געעפֿנט און זיך אַ קער געטאָן צו מיר.

— צו אײַער יאָנטעוו וועט איר אין אײַער מאָסקווער קרעמל אַלצײַנס ניט זײַן. באַרויִקט זיך.

און שטיל פֿאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. . . . .

. . . .

איך האָב אָנגעשפּאַרט מײַן צעהיצטן שטערן אָן סלופּ פֿון גאַנעק, און זיך געוואָלט כאָטש אַף איינע ווײַלע אָפּטרייסלען פֿון דעם עקלדיקן געפֿיל, וואָס איך האָב נאָר וואָס איבערגעלעבט אין דער קאַנצעלאַריע פֿון דעם אויספֿאָרשער. איך האָב כאָטש אַף איין מינוט געוואָלט פֿאַטער ווערן פֿון דער שפּיאָנישער אַטמאָספֿער.

איך האָב אַלע מײַנע געדאַנקען צונויפֿגעקלייבן און זיך געפּרוּווט איבערטראַגן אַהין, אין דעם גליקלעכסטן לאַנד אַף דער וועלט, וווּ עס זײַנען ניטאָ קיין שפּיאָנען, קיין פּאָליציי, וווּ עס איז די עמעסע פֿרײַהײַט פֿאַר דעם אַרבעטער־קלאַס, פֿאַר יעדן ערלעכן האָרעפּאַשנעם מענטשן.

עס איז ערגעץ פֿון אַ בלאָטיקן שטיק וואָלקן אַרויסגעקראָכן די זון און אַפֿילע דער ברודיקער האַרבסט־טאָג איז געוואָרן אַביסל לעבעדיקער, פֿרייליכער. איך האָב צעשפּיליעט מײַן פּעלץ. דאָס קאַלטע ווינטל האָט מיך אָפּגעפֿרישט, און איך האָב זיך גענומען באַרויִקן.

מיטאָמאָל, אינ מעדל, וואָס אנטקעגנ דעם אויספאָרשער, זע איכ אפ א בענקעלע שפילט זיכ מיט אנ עפל דאָס יינגעלע מיטנ שמידיש־פארשמירטנ פענעמל. ער ווארפט אנ עפל אינדערהויכ אונ כאפט אים אונטער; ער ווארפט זײַנע שארפע בליקנ אפ מיר, ווי אים וואָלט זיכ זייער וועלנ, איכ זאָל אים באמערקנ.

איכ טו שטארק א הוסט, ער זאָל דערהערנ. ער האָט זיכ א קער געטאָנ אינגאנצנ צו מיר, איכ האָב אָנגעשטעלט מײַנע אויגנ אפ אים אונ א שמייכל געטאָנ.

ער האָט אויכ א שמייכל געטאָנ. ער איז אופגעשפרונגענ פונ אָרט, האָט זײַנ עפל א וואָרפ געטאָנ אינדערהויכ, ווי א פילקע אונ אויסגעשריענ אפנ קאָל, גאָר ניט קוקנדיק אינ מײַנ זײַט אפילע.

— איר וועט ארײַנגיינ אינ דער אנטקעגנדיקער קראָם עפעס קויפנ.

אינ דעם בלויענ קעסטעלע

געדענקט זיכ מיר אדאָאָמ דאָס פארשמירטע פײַלעכע פענעמל מיט צוויי רייענ ווײַסע ציינ, וואָס האָבנ אזוי גוטמוטיק געשמייכלט צו מיר, ווענ איכ האָב שטילערהייט א שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ:

— פארשטאנענ.

ער איז אנטלאָפנ, דאָס יונגע יינגעלע, אונ איכ האָב א צײַט לאנג געקוקט אפ זײַנ שטײַפנ קערפערל, וואָס האָט זיכ פריילעכ באוועגט אינ דעם כמארנעמ בייזנ הארבסט־טאָג אינ דעם פינצטערנ בלוטיקנ לאנד.

כאווער אדאָלפ איז געווענ אפנ פארהער. אימ האָט מענ אויכ, אזוי ווי מיכ, געהאלטנ לאנג. מע האָט בא אימ געוואָלט דערגייענ, וואָס פאר א שײַכעס ער האָט צו מיר אונ צי קענ ער מיכ. מיר האָבנ ביידע אָפגערעדט, אז מיר קענענ ניט איינער דעם אנדערנ, אז אונדזער באקאנטשאפט איז געשלאָסנ געוואָרנ נאָר אפ דער פור...

— ענדלעכ האָט זיכ פארענדיקט די אויספאָרשונג אונ מיר גייענ שוינ אינ דער טפיסע.

אפנ וועג בעט איכ דעם פאָליציאנט:

דאָס פאַרשטאַרטע מענטשל זאָגט מיט [illegible] צו [illegible] אַ [illegible] דעם בלויען קעסטעלע-

— איך וואָלט וועלן קויפן פּאַפּיראָסן, עפּשער איז מעגלעך דאָ אנטקעגן אַרײַנלויפן אַף איין מינוט אין קראָם?..

— יאָ, איר קענט אַרײַנגיין, אָבער שנעלער.

— גוט.

איך שפּרינג אַרײַן מיט צופרידנקייט אין דער אנטקעגנדיקער קראָם.

— פּאַפּיראָסן האָט איר?

— יאָ, וועלכע דאַרפט איר?

און איידער איך האָב נאָך צייט אַרויסצורייִדן אַ פּאָר ווערטער האָב איך שוין אין קעשענע צוויי קעסטעלעך פּאַפּיראָסן און דאָך פאַרשעמירטע פּנימער זאָגט מיר פּלינק אַפן אויער:

— אין דעם בלויען קעסטעלע.

— —

ציִען זיך ווידער שאָען פון אויכפּרעגענישן און אַרומטאַפּענישן אין קאַנצעלאַריע פון דער טפּיסע. מײַן האַרץ איז אומרויִק, איך בין אינגאַנצן גוואַלדיק נײַגעריק צו וויסן, וואָס טוט זיך עס —

— אין דעם בלויען קעסטעלע?

אין דער טפּיסע האָט מען אונדז פאַרהאַלטן. אין קאַנצעלאַריע האָט געאַרבעט אַ ווײַסגוואַרדייִשער אָפיצער, וואָס האָט געדינט אין בולאַק־באַלאַכאָוויטשעס אַרמיי. ער איז געזעסן אין דער טפּיסע. ער האָט באַגאַנגען עפּעס אַ קאָאָפּעראַטיוו. און אַזוי ווי ער קען שרײַבן. נוצט אים אויס דער נאַטשאַלניק פון דער טפּיסע באַטאָג אין דער קאַנצעלאַריע.

איז אָט דער דאָזיקער פאַרשוין האָט דאָס אונדז פאַרהאַלטן. אים איז זייער טשיקאַווע, וואָס טוען דאָ אין פּוילן רוסישע בירגער, ווי אַזוי קומען זיי אַהערצו?

— און איר וויאַזוי קומט אַהערצו? — האָט כאָוועער אַדאָלף אַ פרעג געטון?

— פאַרשיידענע וועגן פירן אַהערצו, פאַרשיידענע.

ענדלעך האָבן מיר זיך שוין באַפרײַט פון דער לעצטער אונ־טערזוכונג און מע האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין דער טפּיסע.

אונדז האָבן אַרומגערינגלט אַלע אַרעסטירטע. עס האָבן זיך אַ גאַס געטאָן פרעגן.

— פון וואַנען ?
פאַרוואָס?
— וויאַזוי אַרעסטירט ?
מיר האָבן אָפּ אַלץ געענטפערט. אויסגעפונען אַ ווינקעלע אָפּ די נאַרעס און זיך ענדלעך אוועקגעלייגט.
מיט אַ ציטער אין האַרצן האָב איך אַריינגעלייגט מיין האַנט אין קעשענע און האָב אַרויסגענומען דאָס בלויע קעסטעלע.
די הענט האָבן באַ מיר געציטערט. איך האָב געעפנט דאָס קעסטעלע — גאָרנישט... אַ געוויינלעך קעסטעלע מיט געוויינלעכע פּאַפּיראָסן...
— וואָס קאָן דאָ זיין? האָט ער מיך אָפּגענאַרט?
נאָך אַמאָל דורכגעטאַפּט אַלע פּאַפּיראָסן און באַמערקט, אַז איין טרייבל איז עטוואָס דיקער. איך האָב מיט אַ ציטער אין די הענט פאַנאַנדערגעריסן דאָס טרייבל...
אינווייניק איז געלעגן אַ שטייף צונויפגעלייגט שטיקל פּאַפּיר. איך האָב זיך אין אַ ווינקעלע אַריינגעקוועטשט און האָב פאַנאַנדערגענומען...
פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!
היינט איז דער יאָנטעוו פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט!..
דאָס איז געווען אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס דער פּוילישער צעקאַ פון אונדזער פּאַרטיי האָט אַרויסגעלאָזן צום פינפיאָריקן- יובליי פון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע...
און פון דער אַנדער זייט איז מיט געבראָכענע אויסיעס געווען פאַרשריבן:
— כאַווערים, דייגעט ניט. מיר וועלן גאָר אינגיכן פּאַטער ווערן פון אַלע זשאַנדאַרמען און אַלע שפּיאָנעס. מאָרגן וועלן מיר אייך ברענגען פּאַפּיראָסן.

מיר זיינען ביידע ווידער אַ נאַכט ניט געשלאָפן, אָבער ניט פון קעלט, נאָר פון היסטערויעס... מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט שטילערהייט זיך געשושקעט, — קיינער זאָל אונדז ניט הערן...

עכ, ווי גוט אונדז איז דאנ ביירנ געווענ! אפצעלאָכעס דעט פוילישנ זשאנדארם, זייגענ מיר ביירע אינ אונדזערע פאנטאזיעס געוועג דאָרט, אינ אונדזער היים, אינ אונדזער מאָסקווע, אינ אונדזער קרעמל...

מיר האָבנ געהאט א לעבעדיקנ גרוס פונ דאָרט, פונ דער איינציקער פראָלעטארישער מעלוכע, פונ דעם לאנד, וואָס איז דער אָנהייב פונ אלע אָנהייבנ...

און —

אדאיאָם געדענקט זיכ די קינדישע אויגנ אפ דעם פארשווארצטשטידישנ פאָנעם און דער פרייד־צאפל אינ הארצנ בייסנ פאנאנדערנעמענ דאָס טרייבל, און איבער אלעם — דאָס שושקענ אינ אויער אריינ.

— אינ דעם בלויענ קאָסטעלע...

א פארשטערטער יאָנטעוו

א רויט בלימעלע אין לאצ

דאָס איז געווען גאָר אמאָל, ווען עס איז נאָך ניט געווען קיין
ורבאנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפובליקן, נאָר אן אַלט, צאַ־
ש רוסלאנד.

איך בין נאָך געווען גאָר יונג, האָב זיך געלערנט. איך האָב
ין דאַן אָבער געהערט צו א שילער־קרייזל פון אונדזער פּאַרטיי.
איז אָט אפ איינער פון די זיצונגען פון דעם אומלעגאַלן שילער־
ייזל האָט אונדזער פאָרשטייער אונדז אָנגעזאָגט:

— די פייערונג פון ערשטן מיי וועט זיין האיאָר אין דובעלן
דאטשע־געגנט אפן ברעג פון באַלטישן יאַם, 22 וויאָרסט פון ריי־
, און אונדזער שילער־קרייזל איז אויך איינגעשלאָסן אין דעם
סל פון די, וואָס וועלן דאַרפן פאָרן אין דובעלן אפ דעם יאָנ־
יו פון ערשטן מיי.

מיר זיינען געווען איבערגליקלעך. אין פאַרלויף פון די אַנדער־
לבן־צוויי יאָר, וואָס מיר האָבן זיך אָפיציעל גערעכנט פאַר מיט־
דער פון דער שילער־אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר דעם ערשטן מאָל
ן אפ אן אומלעגאַלער מאַסן־פאַרזאַמלונג און דערצו אפ דער פיי־
ונג פון ערשטן מיי. דאָ וועלן מיר זען די קאָנספּיראַטיווע באַ־
רים, דאָ וועלן מיר זיך צום ערשטן מאָל טרעפן מיט דער גאַנ־
ר מאַסע, מיר וועלן זען די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער
גאַניזאַציע.

דאָס אליין, וואָס אונדזער קרייזל איז איינגעלאַדן אפן יאָנטעוו,
ט אונדז אופגעהויבן מיט א שטאַפּל העכער. מע האָט זיך גע־
פס מיט וואָס עס איז אויסצייכענען, קעדיי צו פאַרדינען אזא

קאָווערד. אונדזער קרייזל איז ווירקלעך געווען איינס פון די בעס
און האָט שוין פון זיך אויסגעטיילט א גאנצע גרופע, וועג
מע האָט איבערגעגעבן אָנפירן מיט א גאנצער ריי ארבעטער־קר
לעך.

ביזן ערשטן מיי זיינען געבליבן עטלעכע טעג, אָבער מיר הא
זיך גענומען גרייטן צום יאָנטעוו גלייך, ווי מע האָט אונדז
וועגן דעם אָנגעזאָגט. פון די דערציילונגען פון אייניקע כאַווער
האָבן מיר געוווּסט, אז פאר דעם ערשטן מיי קומען פאָר ארע
און הויז־זוכונגען בא די פאראנטוואָרטלעכע טוער. מיר זיינען
ניט געווען קיין פאראנטוואָרטלעכע טוער, אָבער אונדז האָט זיך
דוכט, אז וויבאלד נאָר מיר האָבן אריבערגעטראָטן די שוועל
דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאציע, אזוי זיינען מיר שוין בא דער
היים־פּאָליציי „אין צעטל", און בא אונדז וועלן אויך זיין אונט
זוכונגען.

יעדער פון אונדז האָט אָפּגערייניקט זיין דירע, האָט פארשט
זייער ווייט דאָס ביסל אומלעגאַלע ליטעראטור, וואָס ער האָט
האָט פאר זיך און פאר זיינע קרייזלעך, האָט זיך געסטארעט
פארלויפן פון דער צייט פארשווינדן פון גאס, ניט ווארפן זיך
די אויגן.

דער פאָרשטייער אונדזערער האָט אונדז שטרענג אָנגעזאָגט:

— איר זייט פרעמדע! געטראָפן זיך אפן וואָקזאל — ניט גער
צווישן זיך, ניט באגריסט זיך אפילע, פרעמדע זייט איר. וואָס
זאָל ניט זיין, וואָס עס זאָל ניט טרעפן, טאָרט איר איינער
אנדערן ניט אָפּשטעלן, ניט פרעגן. ארעסטירט מען וועמען ניט
פון אייך און מע הויבט אָן פרעגן, צי קענט איר ניט דעם, יע
א דריטן, א צענטן, ענטפערט נאָר איין פראזע: „איך ווייס
איך זע אים דאָס ערשטע מאָל". איר זאָלט בא קיין איין מענ
ניט פרעגן דעם וועג. קענט איר זיך ניט דערקלייבן — קערט זיך
צוריק אהיים, ווי עס זאָל אייך ניט זיין שווער, ווי אייך זאָל
ניט וועלן זיין אפ דער פייערונג פון ערשטן מיי...

און צום סאָף האָט ער צוגעגעבן:

— דעם פאראָל זאָלט איר געדענקען. קיינער פון אייך זאָל
פארשרייבן.

ער האָט אונדז א ווײַלע באטראכט, ווי ער וואָלט ארומגעקוקט, זיינען מיר גענוג ערנסט, מע זאָל אונדז קענען איבערגעבן דעם ראָל. שפּעטער האָט ער איינ אויג אביסל פארקנייטשט, ווי ער אָלט זיך אליינ וועלנ דערמאָנענ דעם פאראָל, האָט פארביסנ א ליפּ ג געזאָגט:

— הערט זיך איינ!

מיר האָבנ זיך צונויפגערוקט, צוגעבויגנ זיך צו אונדזער פאָר־ בייער און האָבנ זיך אָנגעשטרענגט:

— אפנ ברעג פונ דער 8־טער ליניע וועט שטיינ א כאווער ר וועט, פארבײַגייענדיק, שטילערהייט א זאָג טאָנ: „אינ לאַצ טעקט בא אייך א רויט בלימעלע" — וועט ער אײַך ענטפערנ „דאָס נענ מײַ־גלעקלעכ" — וועט איר א פרעג טאָנ: „ווו האָט איר זיי נומענ", וועט ער אייך אָנווײַזנ דאָס אָרט, ווו עס שטייט נאָכ א ווער, יענעמס פאראָל, און אזוי וועלנ מיר זיך דערקלײַבנ ביז דער רזאמלונג.

דער ערשטער מײַ איז דאנ אויסגעפאלנ שאבעס, און מיר פער־ נלעכ איז געווענ זייער שווער אוועקצופאָרנ פונ דערהיימ. איך האָב ווינט אינ א פרומער פאמיליע, וואָס איז נאָר־וואָס ארייגעפאָרנ נ א קליינ שטעטל און האָט זיך נאָכ גאָרניט אָפּגעוווינט פונ קליינ־ בעטלשנ ארט לעבנ. עמעס, דעם קאמפּ קעגנ די עלטערנ האָב איך וינ געפירט אינ פארלויפ פונ עטלעכע יאָר, אָבער דערגיינ אזוי יט, אז מע זאָל שאבעס ניט קומענ צו מיטיק צום טיש און מע ל פאָרנ אום שאבעס — דאָס האָב איך נאָכ ניט געקאָנט דערגרייכנ נ דערבײַ וואָלטנ געווענ, אָנ סאָפעק, גרויסע סקאנדאלנ, און קיינ בעלנ וואָלט איך ניט געפּאָרנ. אגעוו, האָט מענ גאָר אזוי פראנק נ פרײַ ניט געקאָנט זאָגנ אינדערהיימ, אז מע פאָרט קיינ דובעלנ. וועלנ זיך אָנהייבנ נאָכפרעגענישנ, נאָכ וואָס און נאָכ וועג, דער־ נ קאָנ זיך נאָכ דערוויסנ א דערבײַזײַיקע שכיינע. און דאָס איז אוואדע מעגלעכ, און דעריבער האָט מענ געמוזט אויסמײַדנ אינגאנצנ די מ, סונ דאָרט זאָל מײַנ אוועקפאָר ניט באמערקט זיינ.

דער „דאָקטער"

צו דער באַשטימטער צײַט בין איך אַזוי זיך אַרויס פֿון שט
צום גליק האָט מיך קײַנער ניט געפֿרעגט, וווּהין איך גיי. באַלד ה
איך פֿאַרקערט אין אַן אַנדער גאַס און בין אַוועק צום וואָקזאַל.
געגאַנגען בין איך פֿאַרזיכטיק, נאָך יעדן מענטשן האָב איך נאָ
געשפּירט, עפּעס קוקט ער אויף מיר. אַלע מענטשן, וואָס איך ה
געזען אויפֿן וואָקזאַל, האָבן זיך בײַ מיר געטיילט אויף צוויי טיילן — שפּיאָנ
וואָס שפּירן נאָך יעדן פֿון אונדז, און כאַווערים, וואָס פֿאָרן
דער מײַ־פֿײַערונג. האָב איך נאָר געזען אַ באָכער אין אַ העמ
מיט לאַנגע האָר, בין איך געווען זיכער, אַז ער איז אַ „באַקאַנט
(אַזוי פֿלעגט מען אַמאָל רופֿן די רעוואָלוציאָנערן) און ער פֿאָ
קיין דובעלן. טאָמער האָב איך באַגעגנט יונגע באָכערים און מיידל
שיין געקליידעטע, בין איך געווען זיכער, אַז זיי האָבן זיך ספּעצי
צוגעפּוצט, מע זאָל זיי ניט דערקענען, אין יעדן פֿון אַזאַ אויס
פּוצטן פֿאַרשוין האָב איך געזען עמעצן פֿון „קאָלעקטיוו", אָדער ד
פֿאָרשטייער פֿון צ. ק. דעם „באַוווּסטן רעדנער", וואָס דאַרף הי
אַרויסטרעטן אויף דער פֿאַרזאַמלונג.

אויפֿן וואָקזאַל זײַנען געווען עטלעכע כאַווערים פֿון אונדז
קרײַזל און אייניקע אומבאַקאַנטע „באַקאַנטע", וועלכע איך פּ
גאַנץ אָפֿט זען אויף דער בירזשע, ווען זיי פֿלעגן דורכגיין, אָפּשט
זיך מיט וועמען עס איז פֿון די אַרבעטער צוליב פּאַרטיי־אָנגעל
הייטן. די דאָזיקע כאַווערים האָבן שטענדיק געוועקט מײַן פֿאַנטאַ
עפּעס אַ מאָדנע געהיימניספֿולקייט האָט געשוועבט אַרום זיי. זיי פֿ
זיך אַמאָל באַווײַזן, דורכגיין די בירזשע און ניט ווערן. ווי
האָט זיך געדוכט, האָבן זיי קיינמאָל ניט גערעדט, נאָר מיט אַ ה
פֿלעגן זיי אָפּטאָן יעדע זאַך. איך האָב שטאַרק געוואָלט זיך באַ
נען מיט זיי, וויסן נעענטער זייער לעבן, וואָס זײַנען זיי פֿאַ
מענטשן. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿרעגן בײַ וועמען עס איז וועגן
האָב איך זיך ניט דערלויבט. ווײַבאַלד, אַז מע זאָגט ניט, הייסט
אַז מע דאַרף ניט זאָגן. און דאָס איז געווען הייליק. באַזונדערס
מיך דאַן אינטערעסירט אויף דער ריגער בירזשע איינער אַ קור
קער באָוער, מיט לאַנגע האָר, געקליידט האַלב אינטעליגענטיש

:ב פראָלעטאריש. ווי איך האָב שפּעטער זיך דערוווּסט, האָט מענ
ן גערופנ דער „דאָקטער”. איך בינ געווענ איבערצייגט, אז ער
אײנער פונ די וויכטיקסטע פּערזאָנענ, וואָס די אָרגאניזאציע
ימאָגט. גראָד דער „דאָקטער” איז איצט געפאָרנ צוזאמענ מיט מיר
נ דובעלנ. איך האָב אומבאמערקט געקוקט אפ אים אונ געטראכט —
נ ער וואָלט וויסנ, אז איך פאָר אויך אפ דעם מיי־יאָנטעוו... איך
ב זיך געסטארעט עטלעכע מאָל דורכגיינ פארביי אים, ער זאָל
: באמערקנ, אונ שפּעטער, דאָרטנ אפ דער אלגעמיינער פארזאמ־
ג וועל איך זיך מיט אים באקענענ, איך וועל אים זאָגנ מיינ
עוודאָנים. אינ דער זעלבער צייט האָב איך אָבער זיך געסטארעט,
מיינ צופיל דרייענ זיך ארום אים זאָל בא אים ניט ארויסרופנ
נ כשאד, אז איך בינ א שפּיאָנ, אונ דאָס וועט אים נייטנ אומ־
קערנ זיך צוריק.
מיר האָבנ זיך געזעצט אינ פארשיידענע וואגאָנעס. דער „דאָק־
ר” איז פראנק אונ פריי ארומגעגאנגענ שפּאצירנ איבער דער
אטפאָרמ אונ איז אריינגעשפּרונגענ אינ וואגאָנ ערשט דאנ, ווענ
ר צוג האָט זיך גערירט פונ אָרט. דאָס האָט ארויסגערופנ בא מיר
קיינ אָנגענעמענ געפיל בענעגייע דעמ „דאָקטער”. ער איז צו
ניק פאָרזיכטיק, ער האלט ניט קיינ קאָנספּיראציע. ווי גייט עס א
נטש ארומ אזוי פראנק אונ פריי אפנ וואקזאל בייס מע ז'ארפּ
היטנ, עפּשער איז דאָ א שפּיאָנ אונ וועט אים אויסשפּירנ?
אכטנדיק וועגנ דעמ, האָב איך זיך דערמאָנט, אז אויך אפ דער
ושע, ווענ איך פלעג אים טרעפנ, פלעגט ער זיך צופיל ווארפנ
די אויגנ. אפנ הארצנ איז מיר געוואָרנ זייער שווער: מענטשנ
ימ מענ אָנ אזעלכע געהיימע זאכנ, אונ זיי זיינענ אזוי ניט פאָר־
טיק.
מיינ סטאנציע, ווו איך האָב געדארפט אראָפּשטייגנ, איז געווענ
דערלינגסהאָפ, פינפ סטאנציעס פאר דובעלנ. צייט איז אינ מיינ
וס געווענ א מינוט פערציק, אונ איך האָב געקוקט אינ דעמ
נעמ פענצטער אפ די פעלדער אונ לאָנקעס, וואָס האָבנ געגרינט
קעגג. א מאָדנע שווערקייט האָט געדריקט דאָס הארצ. איך האָב
ראכט וועגנ דער וועלט, וועגנ די מענטשנ אפ דער וועלט. איך
זיך געגרייט ווערנ א סאָציאליסט, אונ איך האָב זיך געסטארעט

מיין גאנצ לעבנ צופאסנ אזוי, אז איכ זאָל ניט דארפנ אויווער ז
אפ די סאָציאַליסטישע דינים. אינדערהיים האָט מענ מיכ זייער
וואָלט מאכנ פאר א סויכערל.

ווענג דעם האָט זיכ באזונדערס געסטארעט מיינ עלטערער ב
דער, וואָס איז געווענ א בוכהאלטער אונ וואָס האָט זייער געוו
ווערנ אליינ א באלעבאָס.

איכ האָב אינדערהיים אויסגעהאלטנ א גרויסנ קאמפ. איכ ה
געגעבנ א גוואלדיקנ ווידערשטאנד אָט די אלע פרווונ צו מאכנ
מיר א לייטישנ יונגנמאנ, אונ די ליידנ, וואָס מיר איז אויסגעקו
אויסצושטיינ צוליב דעם, האָבנ בא מיר נאָכ מער פארהייליקט
אידעאל — דעם סאָציאַליזם.

אונ דעריבער איז מיר געווענ שווער זיכ צוצוקוקנ, ווי איינ
כאווירים באציענ זיכ צו לייכטזיניק צו די אופגאבנ פונ דער פאר

עס איז אָנגעקומענ מיינ סטאנציע. איכ בינ אראָפ. כ׳בינ אַ
אינ וואָקזאל, אויסגעטרונקענ א גלאָז זעלצער, ווי עס טוענ
„דאטשניקעס״. אונ בינ אוועק מיטנ ברייטנ שליאכ, וואָס פירט
דובעלנ. דער פרישער יאמ־ווינט, די גלענצנדיקע נאטור האָט
אביסל אָפגעפרישט אונ אפנ הארצנ איז מיר פיל גרינגער
וואָרנ.

איכ האָב זיכ דערנעענטערט צו איידנבורג. איכ גיי ארופ
וואָקזאל־פלאצ, ערשט פונוויטנ שטייט דער „דאָקטער״,מיר האָ
שטאָכ געטאָנ אינ הארצנ.

— וואָס זוכט ער? וואָס דארפ ער?

אונ מיטאמאָל איז מיר דורכגעפלויגנ א געדאנק, — עפשער
ער גאָר א שפיאָנ? מאלע ווער עס דרייט זיכ ארומ אפ דער
זשע? עפשער האָט ער זיכ דערוווסט, אז עס קומט פאָר א
זאמלונג אינ דובעלנ אונ ער פאָרט אויסשפיאָנירנ?..

עס האָט מיר א זעצ געטאָנ אינ הארצנ, איכ האָב זיכ דער
זיינ ארומגיינ פראנק אונ פריי אפנ וואָקזאל אונ איכ בינ אלצ
געוואָרנ זיכער, אז ער איז א שפיאָנ אונ מע דארפ זיכ פונ
היטנ.

איכ האָב פארקערט אָנ א זייט אונ בינ שוינ געגאנגענ
מיטנ גלייכנ וועג, וואָס פירט קיינ דובעלנ, נאָר בינ אוועק מיטנ

און איצט דאָ באַם יאַם האָב איכ זיכ באַטראַכט, אַז איכ האָב
עטאָג א נאַרעשקייט. באַלד, אַז איכ בינ זיכער, אַז ער איז א
שפּיאָנ און איכ האָב זיכ געכאַפּט דערופ, האָב איכ, פאַרקערט ניט
געדאַרפט אים אָפּלאָזנ פונ אויג. ער וועט זיכ אָנשטויסנ אַפּ א וועלכנ
ס איז אַנדער כאַווער, וואָס ווייס ניט, אַז ער איז א שפּיאָנ,
וועט אים יענער ברענגענ אַפּ דער פאַרזאַמלונג.
ערשט דאָ האָב איכ זיכ געכאַפּט, אַז איכ בינ נאָכ ניט קיינ
ערפאַרענער רעוואָליוציאָנער, און איכ קאָנ אַבאַף ברענגענ דער
פּאַרטיי שאָדנ. איכ האָב באַשלאָסנ, אַז מע מוז איבּ ווי עס איז אופּ
זוכנ און נאָכשפּירנ נאָכ אים, ער זאָל ניט דורכוואַרפנ די פאַרזאַמ־
לונג. איכ בינ אַוועק צום דובעלנער וואָקזאַל.
אינ דובעלנ האָב איכ זיכ אומגעדרייט אַפּ די גאַסנ, האָב אים
געזוכט און אים ניט געפונענ. איכ בינ אַוועק צו דער אַכטער ליניע
מיט א געבראָכנ געמיט.
איכ האָב פאַרקערט אינ א שמאָל געסעלע, וואָס פירט צו דער
אַכטער ליניע, ערשט איכ זע פונווייטנ, אַפּ דעם אָרט, ווו עס האָט
געדאַרפט שטיינ דער כאַווער מיטנ בלימעלע אינ לאַצ, זיצט גאָר א
מיידל אַנ אויסגעפוצטע אינ א פראַנטיש היטעלע.
איכ האָב זיכ אָפּגעשטעלט און גענומענ טראַכטנ, וואָס זאָל איכ
טאָנ, צי זאָל איכ צוגיינ און אָנטדעקנ איר דעם פּאַראָל, אָדער ניט.
מיטאַמאָל דערזע איכ פונווייטנ עס גייט דער „דאָקטער". איכ
האָב זיכ גוואַלדיק דערפרייט.
— אָ, איצט איז גוט. איצט וועל איכ איכ פאַרפירנ שיידים ווייכנ
ווו, ער זאָל אַפּ דער פאַרזאַמלונג ניט קומענ.
איכ האָב זיכ אָפּגעריכנ פונ אָרט, בינ אַריבער דעם וועג און
פאַרדייענ אינ וואַלד. דאָ אינ וואַלד, ווייט הינטער דער באַנליניע, וועל
איכ אים פאַרהאַלטנ ביז שפּעט אינ דער נאַכט.
די זונ האָט נאָרוואָס גענומענ פאַרשטעלנ איר פלאַמענד פּאַ־
נעם הינטער די הויכע שאָטנדיקע ביימער און האָט ביסלעכ שטעכיק
געקוקט אַפּ דעם אונטערגייענדיקנ טאָג. פונווייטנ האָט זיכ געטראָגנ
דאָס גערויש פונ יאַם, וואָס האָט אָנגעפילט די לופט און האָט זי
געמאַכט שטענדיק אומרויק. איכ בינ געגאַנגענ איבער דער קאָטשקע־
וואַטער וואַלד־ערד, געגליטשט זיכ גאַנצ אָפּט. איכ בינ געווענ זייער

מיר. אָבער איצט בין איך געווען זיכער פאַר דער פאַרזאַמלונג אי
דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איך האָב געדאַרפט אין דעם מאָמענט
עס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס איך וועל ניט זיין אויף דער
מאַי־פאַרזאַמלונג. אָבער דאָס, וואָס איך וועל ראַטעווען די פאַרזאַמ
לונג, האָט איבערגעוואוגן אַלע מיינע פאַרדראָסן.

געגאַנגען בין איך איצט רויִקער און פון צייט צו צייט, פלעג איך,
קלוימערשט זיך איינבייגן, אויפהייבן א שישקע אין דערווייל — וואַרפן
א בליק, צי גייט נאָך מיר דער „דאָקטער". ער איז געגאַנגען גלייך
נאָך מיר. די מידקייט פון דעם גאַנצן טאָג גיין און גאַרנישט עסן
האָט זיך גענומען פילן זייער שטאַרק. און אַז איך בין אַריבער די
באַנליניע, האָב איך זיך הינטער דער דאַמבע אַוועקגעזעצט אָפּרוען
אין וואַלד האָט שוין גענומען פינצטער ווערן, די לופט איז געוואָרן
קיל. איך האָב זיך אַוועקגעלייגט אויפן גראָז, האָב אויפגעהויבן דעם
קאָפּ און בעגנייווע א קוק געטאָן, ווי איז דער „דאָקטער". דער
„דאָקטער" איז געלעגן אויף יענער זייט דאַמבע און האָט אויך בע
גנייווע געקוקט אויף מיר. איך האָב גלייך באַהאַלטן דעם קאָפּ, האָ
זיך איינגעקאָרטשעט און האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

אַזוי זיינען מיר געלעגן א גאַנצע לאַנגע צייט. געצויגן האָט זיך
דאָס, ווי אן אייביקייט. אין דער צייט האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט
א מוטער, ווילדע כוואַליעס אין אָבראַנקע, די קראַנקע מוטער, די
כאַווייריִם אויף דער פאַרזאַמלונג. די געדאַנקען האָבן זיך געטראָגן אָפּ
געריסן, מעטושטשעטש... איך האָב זיך דערמאָנט, אַז בא מיר איז דאָ
אין א רוקן פון א דיקן בוך א קליין צעטעלע פון די כאַווייריִם
פון מיין קרייזל, בא וועמען איך פלעג באַקומען „פּאָליטישע קאַסע"
דאָס האָט מיך נאָך מער גענומען באַאומרויִקן... איבער מיר וועל
אַריינפאַלן נאָך כאַווייריִם, וועגן וויי דערפאַרענע, וואָס וועלן קע
נען אָנטאָן גרויס שאָדן דער אָרגאַניזאַציע. מיין שטימונג האָט גע
נומען פאַלן. איך האָב באַשלאָסן — נאָך א מינוט פינף וואַרטן אי
און שפּעטער גיי איך צום יאַקיאַל. וואָס עס דאַרף זיין, זאָל שוין
זיין.

סונדערוויינען האָט זיך דערטראָגן א הילכיקער ניגון, א מע
טיקער, א שטאַרקער און זיכערער. א גרויסער אוילעם מענטשן האָ
מיט האַרץ און באַגייסטערונג געזונגען —



דער „דאָקטער" איז געלעגן אַף יענער זייט האַמבע און האָט אויך
בעגנייווע געקוקט אַף מיר

דעם „אינטערנאציאָנאַל".

איך האָב א ציטער געטאָן און זיך גלייך אוועקגעשטעלט. דער „דאָקטער" האָט זיך אויך גלייך אוועקגעשטעלט, האָט איין סעקונדע אָס מיר א קוק געטאָן, האָט זיך מיט א גוואַלדיקער קראַפט אָפּגעריסן פון אָרט און איז ווי א פויגל, אוועקגעפלויגן גלייך אויף ניגב... איך בין איין סעקונדע געשטאַנען און נאָכגעקוקט, ווי זיין קליינינקע פלינקע פיגור האָט זיך געשלענגלט צווישן די ביימער, איז וואָס פון סעקונדע אַלץ קלענער געוואָרן און איינגיכן איינגאַנצן פאַרשוואונדן, אָט, ווען ער וועט ערשט ארויסגעבן די פאַרזאַמלונג, אָט, ווען עס וועלן אַריינפאַלן די בעסטע כוואַליעס, די פאַלן... איז ניט דאָכן אָנצוזען, וואָס טוט מען? לויפן אהינצו אויף פייער איז דאָך אן אומזין. אוועקגיין גאַנץ רויק אהיים איז א פאַרברעכן. וואָס טוט מען פּאָרט? און איך האָב באַשלאָסן איך וועל צולויפן צו דער כאַוועריטע, וואָס שטייט אויף פּאָסטן, ניט מער איז זי פּאָרט די „כאַוועריטע, וואָס האָט דעם פּאַראָל, און וו... איר איבערגעבן, אז אין וואַלד איז דאָ א שפּיאָן. ער איז אוועקגעלאָפן צו דער פאַרזאַמלונג, און וואָס, טאָמער איז דאָס גאָר א זיכ... טיקע פערזאָן — איז אַלציינס די „מאַסאָוועקע" דורכגעפאַלן און העלפן... וועט גאָרנישט.

איך בין גלייך געלאָפן אהינצו, בין מיט איבערעט צוגעלאָפן צו... איר און האָב אויסגעשאָסן:

— גייט גיך אהינצו און זאָגט אָן, אז דאָ איז א פּראָוואָקאַטער... זאָלן זיי אופהערן זינגען און אַפּ גיך זיך פאַנאַנדערגיין, עפּשער וועט זיך כאָטש עמעצן איינגעבן צו ראַטעווען!

דאָס מיידל האָט אויף מיר פאַרוואונדערט א קוק געטאָן, האָט מיט... באַגאָסן מיט א קאַלטן בליק און קאַלט געזאָגט:

— אנטשולדיקט, וועגן וואָס רעדט איר, וואָס ווילט איר? איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, וואָס איר ווילט.

און איז אוועק קאַלטבלוטיק אין געסל פון דער אכטער ליניע...

ערשט איצט האָב איך דערפילט, ווי קאָמיש איך בין געווען מיט איין מינוט פריער, ווי יינגלש איך האָב געהאַנדלט. און אז איך וועל קומען אהיים און וועל שרייבן וועמען עס איז פון די באַ... ווירים טרעפן אויף דער פרייהייט, וועל איך זיי אפילו ניט קענ...

דערציילן, פאַרוואָס איך בין ניט געווען אפֿן יאָנטעוו. איך וועל זיך דאָך ניט קענען שטעלן אין אזא קאָמישער לאגע.

איך בין א פּאָר מינוט געשטאנען און אוועק צום וואָקזאל. דער קאָפּ איז געווען שווער, די פיס האָבן זיך געבויגן פון הונגער און מידקייט, דאָס הארץ איז געווען פול מיט א שווערן און אומקלאָרן געפיל.

איך האָב ניט געפילט, ווי איך בין אריין אין וואגאָן, ווי איך בין געקומען קיין ריגע, ווי איך בין דערגאנגען אהיים. אז די מוטער האָט מיר געעפנט די טיר און האָט געפרעגט, ווו בין איך געווען א גאנצן טאָג, האָב איך איר געגעבן עפּעס א מאָדנעם ענטפער, נאָך וועלכן זי האָט מיר א פרעג געטאָן, צי בין איך געזונט.

איך האָב זיך אויסגעטאָן און האָב זיך א מידער אריינגעוואָרפן אין בעט. און א גאנצע נאכט האָבן מיך געשטיקט ווילדע קאָשמארן, מאָדנע כאלוימעס האָבן זיך מיר געכאָלעמט. א גאנצע נאכט האָב איך זיך געוואָרפן אין בעט און די מוטער איז ניט איין מאָל צוגעגאנגען צו מיר, געטאפּט מיין שטערן און מיך אומרויִק געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, מיין קינד?..

* * *

אין א פּאָר טעג ארום, אז עס איז געקומען די צייט, ווען איך האָב געדארפט גיין אף א זיצונג, איז מיר געווען אומגעוויינלעך שווער. אין שטאָט האָט זיך ניט געהערט, אז מע זאָל עמעצן האָבן ארעסטירט דעם ערשטן מיי. הייסט עס, אז די פארזאמלונג איז ניט דורכגעפאלן. ווי־זשע וועל איך פאָרט אויסזען בא מיינע כאווירים? און ווען איך זאָל זיי דערציילן דעם עמעס, ווי עס איז פאָרגעקומען, וועלן זיי דען מיר גלייבן? עס איז דאָך לעכערלעך. דאָס, וואָס עטלעכע פון מיינע כאווירים האָבן מיך געזען אפן וואָקזאל פאָרנדיק קיין דובעלן, וועט זיי נאָך מער איבערצייגן אין דעם, אז איך בין א פּאכדן, אז איך האָב זיך דערשראָקן אין לעצטן מאָמענט און בין אף דער פארזאמלונג ניט געקומען. דאָס האָט מיך געערגערט מער פון אלץ.

מיט א הארץ־קלאפּעניש האָב איך אריבערגעטראָטן די שוועל פון אונדזער אומלעגאלער דירע. אז איך בין אריין אין צימער, ווו

אלע כאווירים זיינענ געזעסנ, האט זיכ מיטאמאל אופגעהויבנ שטורמישער געלעכטער.

— אט איז ער. וואס איז מיט דיר געווענ? כא־כא־כא.

. . . .

עס האט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דער „דאקטער“ האט פארגעס
דעמ פאראל. מיכ האט ער ניט איינמאל באגעגנט אפ דער בירזש
אונ האט באשלאסנ, אז איכ פאר אנ סאפעק אפ דער פארזאמלונ
האט ער גערעכנט גיינ נאכ מיר אונ איכ קומענ אפ דער מאסאווק

דאס מאל האבנ מיר אפ אונדזער פארזאמלונג גארנישט געט
אלע האבנ נאר געלאכט פונ דעמ קאמישנ צופאל.

דער פארשטייער האט געשמייכלט אונ געזאגט:

— די געשיכטע איז טאקע א קאמישע. אבער דו האסט ג
האנדלט גוט. דער „דאקטער“ — וויער שלעכט, מע קענ זיכ ניט א
משעפענ אנ א מענטשנ אונ נאכגיינ נאכ אים, ביז יענער גייט א
א מאסאווקע. עס איז וויער ניט פארזיכטיק פונ זיינ זייט...

. . .

שפעטער מיט יארנ, ווענ איכ פלעג זיכ באגעגענענ מיטנ „דא
טער“, פלעג איכ זיכ דערמאנענ אנ דעמ פארשטערטנ יאנטעוו. א
אז איכ פלעג זיכ דערמאנענ אנ דעמ פארשטערטנ יאנטעוו, פל
איכ אליינ לאכנ איבער מיינ קינדישקייט אונ אומבאהאלפנקייט א
מיינע ערשטע פארטיי־יארנ.

מיט א הארצקלאפעניש בין איך אריבערגעטראטן די שוועל
פון אנדערער אמעריקאנער דירע...

דער שפּיאָן און דער שול־הויף.

I

געוועז איז דאָס אין קאָוונע.

איך האָב געוווינט אפ א פאלשן פּאס, אפּ נאָמען פּין איינעם א כאווע
אראָנסאָן פון ליטוויש קליינעם שטעטל קרעטינגען, ערגעץ לעבן דע
דייטשישער גרענעץ. קלוימערשט האָב איך אין דעם דאָזיקן שטעט
„עלטערן", „ברידער און שוועסטער". ניט איך קען זיי, ניט אי
ווייס, ווער זיי זיינען. זיי קענען איך ניט זייער „זון", זייע
„ברודער".

אין קאָוונע איז אין יענער צייט געווען זייער שווער צו קרי
א דירע.

איינמאָל באַקום איך א צעטעלע פון צעקא, אז איך זאָל זי
איינאָרדענען אין איינער פון אונדזערע אומלעגאלע דירעס, ווו ע
איז געלעגן אומלעגאלע ליטעראטור און אנדערע גאָר ניט קיין קאָ
שערע זאכן. דאָרט איז געזעסן א פארטיי־כאווער, האָט געהאלט
לעפּאָנעם וועגן א קליין קרעמל, פלעגט פירן שטאט, אז די שכיינים
זאָלן גאָרניט באמערקן, אהינצו פלעגט פון צייט צו צייט קומען
פויערישע פור, ברענגענ קלוימערשט קארטאָפל און פון דאָרט פלעג
ער אוועקפירן אומלעגאלע ליטעראטור אין די דערפער, אין ד
שטעטלעך.

אזא דירע איז זייער א זיכערע, ווייל אויסער איייניקע כאווייר
פון צעקא האָט קיינער ניט געוווסט, ווו אזא אומלעגאלע דיר
געפינט זיך.

קום איך אריין אהינצו פארנאכט, באגעגן זיך מיט א הויכ

לאסן יונגנמאַן, וואָס עפֿנט מיר די טיר. איך גיב אים דורך א פֿאַראָל צו וויסן, אַז איך בין געשיקט געוואָרן פֿון צעקאַ. ער האָט אויך, אַפֿאָנעם געוווּסט, אַז איך וועל קומען. מע העט אים, קענטיק, אָפּגעמאָלט, ווי איך זע אויס, ווייל ער האָט מיך ארומגעקוקט און א פֿרעג געטאָן:

— און וווּ־זשע זיינען אייערע ברילן?

איך האָב אים מיט א שמייכל געענטפֿערט:

— צו וואָס זאָל איך אָלע שפּיאָנען וויזן, אַז איך בין אין ברילן?

דער דאָזיקער כאַווער האָט א לאַך געטאָן און האָט זיך עפּעס פֿאַרקרימט מיט א מאָדנע ראַכמאָנעסדיק שמייכעלע.

לעכאַטכילע איז מיר אַבּיסל קאַלט געוואָרן פֿון דעם דאָזיקן צעקרימטן שמייכעלע. אָבער איך האָב זיך ניט פֿאַרטראַכט דערויף. איך בין געווען, אַז איך האָב א ווינקעלע, ווו איבערצורעכטיקן.

איך האָב געבעטן, מע זאָל מיר געבן זיך איינוואַשן. באַלד בין איך שוין אַן אויסגעוואַשענער געזעסן בא א געגרייטן טיש און געטרונקען גאַנץ געמיטלעך טיי. באַם טיש איז אויך געזעסן דער באַלעבאָס פֿון דער דירע, וועמענס פֿאַמיליע איך האָב ניט געוווּסט און מיך האָט ניט אינטערעסירט, זיין פֿרוי און גאָר א קליין קינד, אומגעפֿער 2 יאָר.

מיר האָבן זיך פֿאַנאַנדערגערעדט. ער פֿאַרפֿירט א געשפּרעך ארום דעם, ווי זאָל איך זיך האַלטן, אויב עס וועט אריינקומען דער הויזוועכטער און וועט פֿרעגן, וואָס איז דאָס פֿאַר א פֿאַרשוין. זאָג איך אים, אַז ער זאָל זאָגן, אַז איך האָב אים געבראַכט א גרוס פֿון זיינעם א פֿעטער אין שאָוול, אַז ער קאָן מיך, אייגנטלעך ניט, נאָר אָפּ ווייל איך האָב געבראַכט דעם גרוס, האָט ער מיך פֿאַרבעטן טרינקען טיי...

— אָבער איר בלייבט דאָך דאָ נעכטיקן?

— יאָ, איז בעמיילע...

— ניין, גאָרניט, אַזוי... איר פֿאַרשטייט, עס קאָן זיין, אַז דער הויזוועכטער וועט פֿרעגן א פּאַס... ער ויעט וועלן וויסן א פֿאַמיליע...

— נו, וועט דאָס דעמלט זיין. וועל איך אים ווייזן מיין פאס...
קאָלזמאַנ איך וועל קענען אויסקומען ניט ווייזן דעם פאס, ווי
איך ניט, מע זאָל וויסן מיין פאמיליע.

— נו, פארשטייט זיך, איר זייט אוואדע גערעכט. און ווידער־
אמאָל האָט זיך באוויזן דאָס פריערדיק ניטאָנגענעם קרומ שמייכעלע
אפ זיינע ליפן.

עס האָט .געדויערט ניט מער, ווי צוויי וואָכן, ווי איינמאָל
באקומ איך א צעטעלע, אז מע מוז ליקווידירן די דירע. אפ מאָרגנ
דארפ קומען א פויער און אוועקפירן פונ שטוב אלע טרייפע זאכנ
געווען איז דאָס פארנאכט. איך האָב גלייך איבערגעגעבן דעם באַ־
לעבאָס פונ דער דירע די ידיעה. ער האָט זיך עפעס צעטומלט.
האָט אפ מיר געקוקט אביסל פארדעכטיק און ניט צופרידנ.

— פארוואָס עפעס אינמיטנ דערינען ליקווידירן?

— איך וויס ניט, מיסטאָמע דארפ זיין אזוי. אלנפאלס דארפ
מען היינט א גאנצע נאכט ארבעטנ, אז צו מאָרגנ פרי זאָל אלצ
זיין פארטיק.

2

איך האָב דערווייל געקראָגן א דירע, פונקט אנטקעגנ מעלוכע־
באנק. איך האָב איינגעמעלדעט מיין פאס. אזוי, אז איך בינ שוי
א „לעגאלער" מענטש. לויט מיין פראָפעסיע אינ פאס בינ איך א
שטיקל ר...יסאָר און א שטיקל ליטעראט. איך הייב אָנ צו פיר
באקאָנטשאַ..ט מיט דער ארטיסטישער וועלט. אינ גאס זעט מען מיך
אומגיינ נאָר מיט ארטיסטנ, מיט קינסטלער.

איינמאָל גיי איך מיר אזוי ארויס פונ מיינ דירע, איך זע, לעבנ
טויער שטייט א מאָדנער פארדעכטיקער פארשוינ און קוקט אפנ
מעלוכע־באנק. איך האָב אפ דעם קיינ גרויס אכט ניט געלייגט
ווייל אלעמאָל דרייען זיך דאָ ארומ פארשוינען, וואָס היטנ דעמ
באנק, באזונדערס, ווענ מע דארפ אהינצו ברענגען געלט. אלנפאלס
האָב איך זיך גוט איינגעקוקט אינ זיינ פאָנעם. ער האָט מיך אויך
גוט ארומגעקוקט.

דערווייל באקומ איך א ידיעה פונ צ. ק., אז איך מוז צופאָרנ
אינ שאוול. פארנ פאָרנ דארפ איך זיך זעג מיט א כאווער פונ

ב. ק. די זעונגען אונדזערע פליגן פאַרקומען הינטערן שטאָט, אין א דאַסשע־געגנט, טיף אין וואַלד. מיר האָבן געהאט אין א באַר־ פּסימט ווינקעלע אין וואַלד א גרויסן בוים, און אף דעם בוים א גרויסן צווייג, ווו עס פליגן ליגן א צעטעלע, ווען און ווו מע דאַרף קומען. אַנשטאָט דעם, וואָס איך זאָל אין צעטעלע געפינען די גאַס און דעם טאָג, לייען איך איבער אָט וואָס:

„זעליק, דער באַלעבאָס פון דער אומלעגאַלער דירע איז א פּראָוואָקאַטער. זייט פאָרזיכטיק. גייט נישט אַרויס פון אייער דירע אין פאַרלויף פון א וואָך צייט. מיר דערוואַרטן דורכפאַלן".

אפן האַרצן איז געווען נישט גאָר פרייליך. האָב איך, הייסט עס, געוווינט בא א פּראָוואָקאַטער אין שטוב. ער קאָן מיך גוט אין פּאָנעם. נאָך גוט, וואָס ער ווייס נישט מיין פאַמיליע. אָבער אלנפאַלס, וועט מען שוין איצטער נישט קענען אומשפּאַצירן באַטאָג איבער די גאַסן, מע וועט זיך שוין מוזן היטן.

עס גייען דורך עטלעכע טעג און מיטאַמאָל א שרעקלעכער דורכפאַל. עס איז דורכגעפאַלן די אומלעגאַלע דרוקעריי. עס זיינען אַרעסטירט געוואָרן א גאַנצע ריי כאַווירים. בא זייער פיל איז פאָרגעקומען אונטערזוכונגען.

איך האָב באַשלאָסן אף עטלעכע טעג פאַרלאָזן קאָוונע. אַזוי־ווי איך האָב אַלציינס געדאַרפט פאָרן קיין שאַוול, האָב איך באַשלאָסן איצט אַוועקפאָרן אהין ביז סיוועט אריבער דער ראַש.

גיי איך אַוועק צום וואָקזאַל אין שטעל זיך אין דער ריי אף צו באַקומען א בילעט. איך בין אָנגעטאָן האַלב ווינטערדיק: א פּינטערל, א פוטערנע היטל. איך האָב א גאַנצע פיין בערדל און שוואַרצע אַמעריקאַנער ברילן.

שטיי איך אַזוי אין דער ריי, ערשט איך זע פינוויטן דרייט זיך אַרום דער זעלבער פאַרשוין, וואָס איז לענגער געשטאַנען לעבן מיין טויער און געקוקט אהין מעלוכע־באַנק. איך האָב אָפּגעקערט דאָס פּאָנעם. איך האָב אים אביסל אריינגערוקט אין פוטערנעם קראַגן און קוק שוין אפילע אין יענער זייט נישט. עס געדויערט נישט קיין סאַך, ערשט ער גייט צו צו מיר און פרעגט: „ווייסט איר נישט, ווי פאָרט מען קיין קרעטינגען?"

מיר איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן.

הייסט עס, או דער פארשוין ווייס פונוואנען מיין פאס איז, או
ער ווייס שוין ווו איך וווין... ער גייט מיר נאָך... ער וויל מיך
ארעסטירן. דארף מען גראָד איצט זיין זייער פאָרזיכטיק און זייער
קאַלטבלוטיק. איך ענטפער אים גאנץ רויִק.

— דאָ איז דאָ א ספעציעלע ביוראָ פאר יעדיעס. ווענדט זיך,
זייט אזוי גוט, אהינצו.

ער איז אָפגעטראָטן און האָט זיך עפעס מאָדנע פארלאָרן. איך
בין דערווייל צוגעגאנגען צו דער קאסע, גענומען א בילעט און בין
ארויס אפן פעראָן.

אין שאוול האָב איך געהאט א פאָרטראָג עפעס אף א ליטע־
ראַרישער טעמע. דער פאָרטראָג איז געווען באטאָג. דער טעאטער
איז געווען פול. איך בין ארויס פון טעאטער צווישן דעם גאנצן
עולם, אָבער ארומגערינגלט מיט „אונדזעריקע". איך טו א וואָרף
א בליק ארום. ערשט דער פארשוין איז ווידער דאָ, ער שפּאַנירט
מיך, ער פאָרט מיר נאָך.

איך ווענדע זיך צו איינער אונדזערער א כאַווערטע:

— אָט דער דאָזיקער פארשוין שפירט מיך נאָך. ער האָט מיך
באגלייט אין קאָוונע אפן וואָקזאל, ער איז געקומען צוזאמען מיט
מיר אין שאוול. ער ווייס אפילע די שטאָט, פונוואנען איך בין. איך
מוז דאָ ערגעץ נעלעם ווערן.

— גוט, קומט, מיר וועלן גיין צו דער אָזערע צו, דאָרטן וועלן
מיר איבער די פעלדער ארופ אף דער גאס, ווו מיר וווינען און
איר וועט זיין בא אונדז.

מיר זיינען אוועק מיט א גרויסער כעוורע. קלוימערשט שפּאַ־
צירן צו דער אָזערע, האָבן זיך דורכגעדרייט דורך פארשיידענע
גאסן און זיינען פארשוווּנדן.

ערשט איצט האָב איך א גרויסע ארבעט. איך מוז זיך אינגאנצן
אויסערלעך אומענדערן און ווי עס איז אריבערקלייבן זיך צוריק
קיין קאָוונע.

עטלעכע טעג בין איך געזעסן אין שטוב. איך האָב זיך אָפגע־
גאָלט, האָב געקראָגן א זומערדיקן מאנטל, א ווייכן שווארצן הוט,
ווי אן עכטער קינסטלער, האָב אָנגעטאָן בעגסנע און בין געוואָרן
א פולשטענדיקער פראנט.

אין א פאָר טעג ארום בין איך שוין געווען אין קאָוונע. איך האָב פארלאָזן די אַלטע דירע און געקראָגן א נייע.

3

האָט זיך מיר איינגעגעבן און איך האָב געקראָגן גאָר א פיינ צימערל. אין אזא דירע, ווו עס וווינען אקטיאָרן. אקוראט, ווי אָנגעמאָסטן פאר מיר. מיט מיר אין צימער וווינט צוזאמען א יונגער סקולפּטער, א ייִדיש באָכערל פון ווילנע. איך האָב זיך פאנאנדערגעפאקט, צעלייגט מיינע זאכן. איך האָב אָפּגעצאָלט דער באלעבאָסטע פאר א כוידעש פאָרויס. איך האָב איר אָפּגעגעבן דעם פאס אפ איינצומעלדן. זי האָט אים אין א שאָ ארום געבראכט צוריק.

אין א פאָר טעג ארום, אז איך האָב זיך שוין באַרויִקט פון דער געשיכטע מיטן שפּיאָן, זיצ איך און טרינק טיי מיט מיין שאָכנ דעם יונגן סקולפּטער און פיר מיט אים א געשפּרעך וועגן קונסט. מיר האָבן גערעדט ביז א שטיק אינדערנאכט. מיר גייען שלאָפן. דערציילט מיר דער באָכער א פיינע מייסע.

— איך האָב מיט א פאָר וואָכן צוריק געהאט א שרעק.

— וואָס איז?

— אָט אין דעם בעט, ווו איר שלאָפט, איז געשלאָפן איינער א יונגערמאן, א זעצער. איז איינמאָל באנאכט קומען אָן פּאָליציי און שפּיאָנען, מע מאכט אן אונטערזוכונג און מע ארעסטירט אים.

— פארוואָס? — מאכ איך זיך טאמעוואסטע.

— מע זאָגט, אז ער איז א באָלשעוויק. די באלעבאָסטע דערציילט, אז ער האָט געארבעט אין אן אומלעגאלער דרוקעריי. לענגער האָט מען דאָ אנטדעקט אן אומלעגאלע דרוקעריי. אים האָט מען דאָרט ניט געפונען, נאָר מע זאָגט, אז ער האָט דאָרט געארבעט, האָט מען אים אויסגעשפּיאָנירט און מע האָט אים ארעסטירט.

מיר איז געוואָרן פינצטער אין די אויגן. עפּעס גליקט מיר ניט אין קאָוונע. דארף איך ארייִנפאלן אין א דירע פון א פּראָוואָקאַטער, שלעפּט זיך מיר נאָך א שפּיאָן און לאָזט מיך ניט רוען און, אז איך בין שוין פון אים פּאָטער געוואָרן און האָב געקראָגן א „לייטישע" דירע, ווו עס וווינען „לייטישע" מענטשן: אקטיאָרן פון

טעאַטער מיט א יונגן סקולפּטער, דאַרף עס זיין א דירע, וווּ ע...
האָט געוווינט אונדזערער א כאַווער, דאָס הייסט א דורכגעפאַלענ...
דירע...

וואָס טוט מען? א גאַנצע נאַכט בין איך שוין ניט געשלאָפ...
אַפּמאַרגן האָב איך די דאָזיקע געשעעניש איבערגעגעבן אין צ. ק...
דאָרט איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל ניט אַרויס פון דע...
דירע, ווייל עס איז אַמאָל בעסער: דער פּאָליציי וועט אַפּנ...
ניט אַרופּ, אַז איך בין א באָלשעוויק, ווייל איך וואָלט ניט גע...
קראָכן אין א דורכגעפאַלענער דירע.

בין איך געבליבן זיצן אין דער דאָזיקער דירע.

דערווייל הייבט זיך אָן אַנטוויקלען א גרויסע אַרבעט. עס הייב...
זיך אָן א שטרייק בא די אייזנבאַן-אַרבעטער. צוויי טויזנט אַרבעטע...
האָבן איין איינ טאָג אָפּגעשטעלט די אַרבעט. מע דאַרף אָנפירן מיט...
שטרייק, מע דאַרף זיך טרעפן צוויי-דריי מאָל א טאָג מיט די פּאַר...
שרייבער פון די שטרייקנדיקע. זייערע געשפּרעכן דאַרפן דעם זעלב...
טאָג איבערגעגעבן ווערן אין צ. ק.

איך האָב פאַרגעסן וועגן דער דורכגעפאַלענער דירע, וועג...
דעם שפּיאָן, וואָס האָט מיך ניט געלאָזט לעבן. איך שפּאַן אַלע טאָ...
אַפּ „דאַטשע" זיבן וויאָרסט הינטער דער שטאָט טרעפן זיך מיט
פאַרשטייער פון צעקא. מיר אַרבעטן אויס דעקלאַראַציעס, מיר שי...
כאַווערים פון די שטרייקנדיקע מיט פּראָטעסטן אין סיים. מיר מאַכ...
געהיימע זיצונגען, מיר לאָזן אַרויס פּראָקלאַמאַציעס, וואָס די יונג...
פאַרשפּרייט מיט גרויס מעסירעס-נעפעש. אַ אַרבעט א גרויסע,
פאַראַנטוואָרטלעכע און זייער אַ אינטערעסאַנטע.

איינמאָל האָב איך געדאַרפט אופּשטיין זייער פרי און אוועקגיי...
„אַפּ דאַטשע" טרעפן זיך מיט א כאַווער. צו צוועלף אזייגער באַנא...
האָב איך געמוזט האָבן אַ ענטפער פון צעקא אַפּ א וויכטיקע...
פראַגע. איך בין אופּגעשטאַנען און בין גאַנץ אינסטינקטיוו, ניט גע...
טראַכט, צוגעגאַנגען צום פענצטער. מיטאַמאָל דערזע איך — אַפּן בע...
קעלע אין די אַלייעס זיצט ווידעראַמאָל דער אַלטער באַקאַנטער שפּיאָ...

איך האָב א ציטער געטאָן.

הייסט עס, אַז ער האָט מיך דערקענט, ניט געקוקט דערויף, וואָ...
איך האָב זיך אזוי אומגעאַנדערשט אויסערלעך. הייסט עס, אַז ע...

האָט נית געהאָלפֿן מײַן אַראָפּגענומענע באָרד, מײַנע אַקטיאָרן אפּילע...
וואָס טוט מען ווײַטער, ווי גייט מען אַרויס פֿון דער לאַגע?

בלײַבן אינדערהיים קען איך נית. איך מוז אַוועקגיין. גיין, איינער זאָל מיר נאָכגיין, הייסט עס דורכוואַרפֿן אונדזער טרעפֿפּונקט, דורכוואַרפֿן דעם מיטגליד פֿון צעקאַ...

אפֿן בענקעלע אין די אַלייען זיצט ווידעראַמאָל דער
אַלטער באַקאַנטער שפּיאָן

מיר איז געוואָרן ענג אין מוח. איך בין אומגעגאַנגען אַ צעטומל־
ער איבער מײַן קליינעם צימערל און הייב נית אָן צו וויסן, וואָס
ו טאָן. די באַלעבאָסטע אין שכייניששן צימער איז דערווײַל אופגע־
טאַנען און זיך אָנגעהויבן אײַסיקן באַם סאַמאָוואַר. זי האָט באַמערקט
ײַן גיכן אַרומגיין איבערן צימער און פֿרעגט מיך דורכן ווענטל:

— וואָס איז מיט אײַך פּאַניע אראָנסאָן, וואָס זײַט איר אַזוי פּרי אופגעשטאַנען און האָט שפּאַנט איר אַרום אַזוי אומרויִק איבער צימער? —

וואָס זאָל איך איר ענטפערן? דערציילן איר די מײַסע קען איך ניט, דאַרף מען עפּעס אויסטראַכטן און אַפּגיך, זי זאָל זיך אָפּטשעפּען.

— כ'ווייס, גאָרנישט, קלייניקייטן... בײַ מיר איז הײַנט יאָרצײַט נאָך מײַן מוטער... און אַלעמאָל, ווען בײַ מיר איז יאָרצײַט נאָך מײַן מוטער, בין איך זייער אומרויִק... איך האָב מײַן מוטער זייער ליב געהאַט...

אַדאַיאָם געדענק איך ניט, וויאַזוי מיר איז עפּעס אַרײַנגעפאַלן דער געדאַנק וועגן יאָרצײַט נאָך מײַן מאַמען, אָבער דאָס האָט מיך געראַטעוועט. גלײַך איז מיר דורכגעפלויגן אין קאָפּ:

„איך וועל נעמען אַ שפּילן־זעקעלע און וועל אַוועקגיין אין מיניען... זאָל מיך דער שפּיאָן באַגלייטן אין מיניען... פון דאָרט וועל איך זען ווי עס איז זיך אַרויסגאַנען און וועל אַוועק אַפּ טרעפּ־אָרט".

איך מאַך אַן אומעטיק פּאָנעם און גיי אַרויס צו דער באַלעבאָסטע.

עפּעשער וועט איר מיר אַנטלײַען אַ פּאָר טפילין. געוויינלעך בין איך ניט פון די שטאַרקע פרומאַקעס, אָבער צו יאָרצײַט גיי איך אין מיניען.

— אַ, פאַרוואָס ניט... מאַרדינען דערוויילע אַ מיצווע.

איך האָב גענומען בײַ איר אַ טפילן־זעקעלע מיט טפילין און בין אַוועק אין מיניען.

דער שפּיאָן האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און איז אַוועק נאָך מיר. איך בין געגאַנגען רויִק, געלאַכן, האָב אַהינטער ניט געקוקט, ער זאָל ניט מיינען, אַז איך באַמערק אים. איך פאַר־קער אין איין גאַס, אין דער צווייטער. ער גייט אַלץ נאָך מיר אַפּ צווייטן טראָטואַר. איך שטעל זיך אָפּ בײַ די אַפּישן־סלופּעס, לייען קלוימערשט, אַן אַפּישע פון טעאַטער און טו דערווײַל אַ קוק, ווו געפינט זיך מײַן באַגלייטער. ער שטעלט זיך אויך אָפּ און קוקט אַרײַן אין אַ פענצטער פון אַ מאַגאַזין. ער וואַרפט גאַנץ אָפט בליקן אַ מיר.

— עך, אַ נאַרישער שפּיאָן, קענטיק, נאָך אַ יונג צוציקל, ני



דריי מאָל א טאָג האָט ער זיך באַגלייט צום מיניען

קיין געניטער. און דערווייל פּאַלט מיר אַרײַן אַ געדאַנק. איך וועל אים ברו...
פירן פאַר דער נאָז. איך וועל אַלע מײַנע טרעפונגען אײַנאָרדענ...
אין מיניען, איך וועל אָנהייבן גיין דרײַ מאָל אַ טאָג אין מיניע...
ווי אַ פרומער ייִד. אַ מענטשן, וואָס גייט דרײַ מאָל אַ טאָג אין מיניע...
קען מען ניט כוישעד זײַן אין באָלשעוויזם. עפּשער וועט זיך מ...
אײַנגעבן אים אָפּצונאַרן און־פּאַטער ווערן פון אים.

איך בין אַרײַן אין מיניען. צעטומלטע ייִדעלעך זײַנען אַרומגע...
לאָפן איבערן מיניען, אײַנגעוויקלט אין טאַלייסים און אַפּגיל עפּע...
געבוּרטשעט אונטער דער נאָז. איך בין שוין לאַנג אין אַ מיניען ני...
געווען, איך האָב שוין לאַנג אופגעהערט צו דאַווענען. איך האָב אפילו
פאַרגעסן פון וואַנען מהייבט אָן. איך האָב זיך געשטעלט אין ...
ווינקעלע, האָב פאַנאַנדערגענומען דאָס טפילין־זעקל. לאָזט זיך אויך
אַז איך האָב שוין אפילו פאַרגעסן, ווי מע לייגט טפילין. דאָס האָ...
איך געדענקט, אַז טפילין לייגט מען אַף דער לינקער האַנט, אָבע...
ווי ליגט דער שעל־ראָש און ווי דער שעל־יאַד האָב איך פאַרגעסן. מ...
איז די גאַנצע מייסע אַביסל פריקרע געוואָרן. וואָס טו איך דאָ צווישן
דעם טומלדיקן עולעם, וואָס לויפט אַרום איבערן מיניען? וואָ...
דאַרף איך דאָ?...

דערווייל האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך מוז גיין זיך טרע...
מיטן כאַווער פון צעקאַ. איך וויים ניט, וואָס איך זאָל טאָן. שטע...
זיך דאַווענען איז דאָס אַן אײַסעק אַף אַ האַלבער שאָ — איך קען נאָ...
פאַרשפּעטיקן דעם כאַווער. דערווײַל לויפט צו צו מיר אַ געל ייִד
און שטעלט אויס אַף מיר אַ געל מויל צעפוילטע ציין: עפּשע...
דאַרפט איר אַן „אָמעד"? —

— אַן „אָמעד"? מע קען דאָך דאַווענען אָן אַן אָמעד.

— ניין, איך מיין, עפּשער איז בא אײַך יאָרצײַט, אָדער עפּשע...
זײַט איר אַן אָוול? באַלד קלייב איך אײַך צונויף אַ מיניען... ייִד...
צריכין פּאַרנאָסע...

איך האָב אַ קוק געטאָן אַף אים מיט אַ שמייכעלע.

אין מיניען אויך אײַנגעאָרדנט אַ קרעמעלע. אַן „אָמעד" גיט פּאַרנאָסע

איך האָב דעם דאָזיקן געלן ייִדן געענטפערט, אַז איך בין ני...
קיין אָוול און ניט קיין באַל־יאָרצײַט. איך בין אַ פּאַשעטער דאַווענ...
דערווײַל האָב איך זיך אויסגעדרייט און בין אַרויס פון מיניען.

בא דער באַגעגעניש מיט אונדזערע כאַווייריִם האָבן מיר הארציק
געלאַכט.
פון דאַנען אָן פלעג איך טעגלעך זײַן אין מיניען. דער שפּיאָן איז
געזעסן מײַן באַגלייטער. צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד האָט ער מיך דרײַ
מאָל א טאָג באַגלייט צום מיניען.
גאַנץ אָפט פלעג איך אַרויס פון שטוב מיט א טפילן־זעקעלע,
וואָס איז געווען געפּאַקט מיט פּראָקלעמאַציעס און פלעג זיך אומקערן
פון מיניען מיט א טפילן־זעקעלע, געפּאַקט מיט קאָרעספּאָנדענצן, וואָס
די פלעגט דאַרפן פאַנאַנדערשיקן אַף די אַדרעסן. דער שפּיאָן פלעגט
זיך „אָפּהיטן“, עס זאָל כאָלילע מיט די די דאָזיקע טרייפענע זאַכן
נישט טרעפן קיין שלעכטס. אין מיניען פלעגט אַלע אינדערפרי אַרײַנ־
קומען א הויכער יונגערמאַן מיט א שוואַרצער באָרד. דאָס איז געװען
אונדזערער א כאַווער, מיט וועלכן איך פלעג זיך דאַרפן צונויפ־
טרעפן ווען א גאַנצער ריי איניאָנים. דאָרט פלעגן מיר ביידע,
דאַווענדיק בא א גמאָרע אין א ווינקעלע, אויסאַרבעטן אונדזערע פּלע־
נער, וויאַזוי דורכצופירן דעם שבריק פון די אײַזנבאַנער, וויאַזוי
אַרויסצוגעבן אן אומלעגאַלע צײַטונג א. א. וו.
ערגער איז געווען די לאַגע מיט אונדזערע ניט־ייִדישע כאַווייריִם,
וועלכע איך פלעג מוזן טרעפן אויך אין מיניען. ענדלעך האָבן מיר
זיך מיט זיי אויך אײַנגעאָרדנט. דאָרט איז געווען א גרויסער הויף,
אַף וועלכן עס פלעגן זיך שטענדיק געפינען זייער פיל מענטשן.
דער רוסישער כאַווער פלעגט צוגיין צום פאַרקאַן, איך פלעג שטיין
אַפן הויף און אַזוי דורכן פאַרקאַן פלעגן מיר זיך דורכריידן. אַזוי
האָט געדוירט צוויי וואָכן.
ענדלעך האָט ער זיך, אַפּאָנעם, איבערצייגט, אז איך בין ניט
גאָר קיין טרייפער מענטש, אז איך גיי אַלע טאָג, און נאָך דרײַ
מאָל, אין מיניען, איז קלאָר, אז איך בין ניט קיין באָלשעוויק. דערצו
האָט געהאָלפן אויך דאָס, וואָס אין גאַס האָט ער מיך געזען נאָר
מיט „קאָשערע“ מענטשן: מיט אַקטיאָרן, מיט אַקטריסעס, מיט
קינסטלער א. א. וו.
דער שפּיאָן האָט מיך געלאָזן צורו.
שפּעטער האָב איך א צײַט נאָך געאַרבעט אומלעגאַל אין קאָוונע.
מיר איז אויסגעקומען, צוזאַמען מיט א ריי כאַווייריִם דורכצופירן א

גוואַלדיק גרויסע וואַל־קאַמפּאַניע אין ליטווישן סיים. מיר האָבן רעכטס און לינקס געשריִען ליטעראַטור, געקלעפּט פּלאַקאַטן, געוואָר לאָזונגען... איך האָב עטלעכע מאָל געזען דעם שפּיאָן, ווי ער פּלי נאָכשפּירן נאָך עטלעכע אונדזערע כאַווײרים. נאָך מיר האָט ער ט מער ניט נאָכגעקוקט — איך בין געווען פולשטענדיק קאָשער אין זי אויגן.

א מײַסע מיט א פעקל

הירשקעס ערשטע טריט

הירשקע איז געווען א שלאָסער. אים איז אינגאנצן געווען ניט מער, ווי אכצן יאָר, אָבער ער איז שוין געווען גוטע דריי יאָר אין דער אומלעגאלער אָרגאניזאציע פון די באָלשעוויקעס.

געווען איז דאָס אין איינער פון די גרויסע שטעט פון דאָרעם, ווו עס זיינען געווען גאָר גרויסע פאבריקן. די באָלשעוויקעס האָבן דאָרט געהאט א גאנצע פעסטע אָרגאניזאציע.

אמאָליקע יאָרן, בייס דער צארישער מאכט, איז די אָרגאניזאציע געווען אן אומלעגאלע. פריי פארזאמלען זיך האָט מען ניט געטאָרט. לייענען אלץ, וואָס מע וויל, האָט מען אויך ניט געטאָרט.

צייטונגען פלעגן ארויסגיין בורזשואזע. קיין פּראָלעטארישע פרעסע איז ניט געווען. די צארישע רעגירונג פלעגט ניט לאָזן דרוקן קיין ארבעטער־צייטונגען. און טאָמער פלעגט ארויסגיין אזא צייטונג, פלעגט מען זי באלד פארמאכן.

איז וואָס פלעגט מען טאָן?

פלעגט מען שטילינקערהייט, ערגעץ אין א פארוואָרפן ווינקעלע, באהאלטן פון די אויגן פון דער פאָליציי און זשאנדארמען, איינאָרדענען אן אומלעגאלע דרוקעריי און דאָרט פלעגט מען דרוקן ארבעטער־צייטונגען, פּראָקלאמאציעס, רעוואָלוציאָנערע ביכער...

שטילינקערהייט, אז קיינער זאָל ניט זען, פלעגט מען די דאָזיקע ליטעראטור ארויסנעמען פון דער דרוקעריי און נאָך דעם פאנאנדערפירן איבער אלע שטעט פון גרויסן רוסלאנד, צעטיילן דאָס איבער די אָרגאניזאציעס, און די ארבעטער פלעגן האָבן וואָס צו לייענען

אפ פאנאנדערפירן ליטעראטור פלעגט די אָרגאניזאציע באשטי־
מען אויסגעהאלטענע כאווירים. דערפאַרענע, אזעלכע, וואָס וועלן ני־
אריינפאלן אין די הענט פון דער פאָליציי. טאָמער וועט מען זיי
כאפן און מע וועט זיי שלאָגן און מוטשען, וועלן זיי ניט אויסזאָגן,
ווו זיי האָבן גענומען די ליטעראטור.

הירשקע איז אפילע געווען א יונגער יאט, אָבער די אָרגאני־
זאציע האָט אים שוין פארטרויט גאנץ ערנסטע אומלעגאלע ארבעטן.

און געכאָן האָט דאָס די אָרגאניזאציע ניט אומזיסט.

מיט הירשקען האָט אמאָל געטראָפן אזא מייסע.

עס איז געווען א קאלטע, פראָסטיקע און ווינטיקע נאכט. אין
שטאָט איז געווען אומרויק. צוויי גרויסע פאבריקן האָבן זיך געגרייט
צו א שטרייק. די אומלעגאלע אָרגאניזאציע האָט באשלאָסן, אז דער
דאָזיקער קליינער שטרייק זאָל זיך פארוואנדלען אין גאָר א גרויסן
אלשטאָטישן שטרייק.

אין דער אומלעגאלער דרוקעריי האָט מען געארבעט דריי טעג
און דריי נעכט. מע האָט אָפגעדרוקט א גרויסע צאָל פראָקלאמאציעס.

פון דער דרוקעריי האָט מען די דאָזיקע פראָקלאמאציעס ארויס־
געטראָגן. איצט האָט מען זיי געדארפט פארשפרייטן איבער די אר־
בעטער־קווארטאלן.

הירשקע איז געווען איינער פון די, וועמען מע האָט געגעבן
פארשפרייטן די פראָקלאמאציעס.

ער האָט זיך אָנגעטאָן אין א גימנאזיסטן אָנצוג, האָט אָנגעטאָן
אפ די פלייצעס א רענצל און איז אוועק שפאצירן איבער די גאסן.

אלע קעשענעס פון אויבן ביז אונטן און אויך דאָס רענצל איז
בא אים געווען אָנגעפאקט מיט פראָקלאמאציעס.

גייט ער זיך אזוי שפאצירן איבער די גאסן און ווו נאָר א
קאָרידאָר, גייט ער אריין, שפארט אריין שטילינקערהייט אין א טיר
א פראָקלאָמאציע און גייט זיך, ווי ניט אים מיינט מען, ווייטער.

אזוי האָט ער זיך דערקליבן ביז די ארבעטער־קווארטאלן. דאָרט
האָט ער שוין געדארפט פארשפרייטן פיל געדיכטער.

פלעגט ער ארופגיין אפ א הויף, פלעגט ער שוין אפן הויף גוט
„אָנשנייען"... אזוי איז ער זיך געגאנגען גאנץ רויק און אָפגעטאָן
זיין ארבעט.

גייט ער צוריק פון די הינטערגעסלעך זייער א פרייליכער, זייער א מונטערער. אפן הארצן איז אים גוט, ער האָט אָפּגעטאָן אזא גרויסע ארבעט, ער האָט אויסגעפילט דעם כייוו, וואָס די פארטיי האָט אפ אים ארופגעלייגט.

דער פראָסט ברענט, שמעליעט די אויערן, שניידט אין פּאָנעם, נאָר הירשקע באמערקט עס ניט, אים איז גוט, פרייליך אפן הארצן.

מיטאמאָל באמערקט ער, אז אפ דעם אנדערן טראָטואר גייט א פאָרל, זייער שיין געקליידעטע, גייט זיך רויק און ווען־ניט־ווען שלעפּט איינער פון דעם פאָרל ארויס עפּעס פון קעשענע און טיילט דעם אוילעם.

ס'איז אים געוואָרן טשיקאַווע, האָט ער באשלאָסן גיין אנטקעגן דעם פאָרל, עפשער, וועט מען אים אויך עפּעס איינטיילן. אָבער צו זיין גרויסן באדויערן האָט ער גאָרנישט ניט באקומען. דערפאר אָבער האָט ער דערזען, ווי איינער אן עלטערער ייד, זייער אָרעם געקליידעט, האָט־יאָ באקומען פון דעם דאָזיקן פאָרל א בלעטל, ער האָט דייטלעך באמערקט, אז דאָס איז א פראָקלאמאציע, אויך אזוי צוזאמענגעלייגט, ווי זיינע. ער איז צוגעגאנגען צום אלטן, האָט זיך צוגעשטעלט פון הינטן, קעדיי צו זען, וואָס דאָרט איז. דער אלטיטשקער האָט זיך דערשראָקן, האָט א דריי געטאָן, ניט ווייסנדיק וואָס מע האָט אים אריינגעשטעקט אין האנט אריין, און פאנאנדער גענומען דאָס פאפירל. דאָ האָט שוין הערשקע דייטלעך געזען, אז דאָס איז די זעלבע פראָקלאמאציע.

הייסט עס, אז די צוויי זיינען אויך באוויירים און זיי טוען די זעלבע ארבעט, וואָס איך.

ער האָט אָבער ניט באוויזן צו פארענדיקן זיין געדאנק, ערשט ער האָט דערפילט, אז הינטער אים איז געוואָרן עפּעס טומלדיק. ער האָט זיך א קער געטאָן און דערזען אזא בילד.

לעבן דעם פאָרל, וואָס טיילט די פראָקלאמאציעס, איז מיטאמאָל אויסגעוואקסן א הויכער ברייטבייניקער יונגערמאן מיט אן אָנגערוקטן הוט אפ דער קאמע נאָז, מיט בלויע ברילן אזוי, אז זיין פּאָנעם זעט מען קימאט ניט. ער האָט אָנגעכאפּט איינעם פון דעם פאָרל פעסט פאר דער האנט און אויסגעשריען.

— סנוי! איר זייט ארעסטירט.

יענער רייסט זיך פון אים און דער צווייטער העלפט אים זי[ch]
ארויסרייסן פון דעם פרעמדנס הענט.

— א שפיק. אויסגעשפיאָנירט די כאוויירים! מע וועט זיי א[r]
רעסטירן, האָט זיך הירשקע גלייך געכאַפּט.

דער שפיק איז פלינק אריינגעקראָכן אין כאווערס קעשענע או[n]
פון דאָרט ארויסגעשלעפּט א גאנצן פּאַק פּראָקלאַמאציעס. דער צווי[י]
טער כאווער זיינער האָט אָבער מיט קאס ארויסגעריסן פון דע[m]
שפּיקס האנט די פּראָקלאָמאציעס און גענומען שרייען.

— וואָס שפּארט איר פּראָקלאָמאציעס צו אים אין קעשענע, שפּי[k]

עס איז געוואָרן א שטיקל טומל. דער שפּיק לאָזט ניט אָפּ דע[m]
כאווערס האנט און שלעפּט אים אין פּאָליציי־ציריקל. ער האָט גע[ ]
נומען שרייען הויך, אפן קאָל:

גאָראָדאָווי!...

שלעכט, וואָס טוט מען? מע וועט זיי ביידן ארעסטירן מי[t]
די פּראָקלאמאציעס אין קעשענע. זיי וועלן פאַרפאלן, זיי וועל[n]
זיצן אין טפיסע עטלעכע יאָר.

הירשקע האָט זיך א דריי געטאָן אהער - אהין, איז פלינק צו[ ]
געלאָפן צו דעם כאָרל.

— גיט אהער, גיט מיר, וואָס איר האָט אין די קעשענעס

און ניט וואַרטנדיק אף קיין ענטפער, איז ער פלינק ארייננע[ ]
קראָכן צו איינעם פון זיי און ארויסגעשלעפּט אלץ, וואָס דאָרט אי[z]
געווען.

דער שפּיק האָט געפּרוווט אָנכאפּן הירשקען אויך. נאָר הירשק[e]
האָט אים באלד געגעבן א זעץ מיטן פוס אין בויך. דער שפּיק האָ[t]
זיך א דריי געטאָן און אים באלד אָפּגעלאָזן.

דערווייל האָט זיך גענומען קלייבן א גרויסער עולם. נאָך
פּאָר מינוט און עס וועט קומען צו לויפן א גאָראָדאָווי און ז[ ]
כאוויירים וועט מען ארעסטירן.

פלינק האָט זיך הירשקע ארומגעקוקט ארום זיך. ער האָט דע[ ]
זען פונוויטן א שטיק האָלץ. ער איז צוגעלאָפן, האָט געכאפּט דאָ[s]
האָלץ אין דער האנט און פון הינטן געגעבן א זעץ דעם שפּ[יק]
איבערן קאָפּ.

ער האָט פֿון הינטן געגעבן א זעץ דעם שפּיק איבערן קאָפּ··

דער שפּיק האָט זיך א זעצ געטאָנ אָנ דר'ערד און ניט וויי
דיק אָפּגעלאָזנ דעמ כאוועס האנט.

די פּאָר כאווײרימ האָבנ זיך א שטויס געטאָנ אינ אוילעמ, א
זײנענ דאָרט פארשווּנדנ. הירשקע איז אוועק נאָכ זיי.

פונ דאנ אָנ האָט מענ געוווּסט פונ הירשקענ. מע האָט אי
געקענט, ווי א דרייסטנ כאוועד, וואָס פארלירט זיך ניט בא או
לעגאלער ארבעט, וואָס קענ ארויסקריכנ פונ א שווערער לאגע.

אזעלכע פאלנ האָבנ מיט הירשקענ געטראָפנ ניט איינער. א
אינ דער אָרגאניזאציע האָט מענ אימ דעריבער גענומענ צוציענ צ
פאראנטוואָרטלעכער ארבעט.

דאָס פּעקל איז דאָ, נאָר...

הירשקע האָט נאָרוואָס פארענדיקט די ארבעט. ער איז געווע
זייער מיד. אָפּארבעטנדיק צוועלפ שאָ אפ דער פאבריק, האָט הירשק
שטענדיק געהאט דערצו נאָכ פארטייִשע ארבעט. עס פלעגט טרעפ
גאנצ אָפט, אז אימ פלעגט אויסקומענ נאָכ אזא שווערנ ארבעט
טאָג אוועקגייִנ אפ א נאכט אינ פּאטרול. עס פלעגט זיך פארזאמ
לענ ערגעצ אינ א בוידעמ-שטיבל א מאסאָווקע, א זיצונג פונ קא
מיטעט, פלעגט מענ אזעלכע פארזאמלונגענ דארפנ אָפּהיטנ, ווי ד
אויגנ אינ קאָפּ. עטלעכע כאווײרימ פלעגט מענ דערצו אויסקלייב
יונגע, פלינקע, געזונטע — פלעגנ זיי ארומשפּאצירנ איבער די גאס
און אָנזאָגנ די, וואָס גייענ אפ דער פארזאמלונג, ווּהינ צו גיי
זיי פלעגנ אויכ היטנ, אז אנ אויג פונ א שפּיק זאָל ניט באמערק
ווּהינ דער אוילעמ גייט. כאָטש באמערקט מענ, אז אפ דער גא
באווייזנ זיך פארדעכטיקע פארשוינענ, וואָס שפּירנ נאָכ, פלעגט מע
גלייכ איבערגעבנ, מע זאָל אָפּרייניקנ די דירע, מע זאָל זיך פאנאנ
דערגיינ.

הײנטיקער אָוונט איז בא הירשקענ גראָד געווענ א פרייע
ער איז ארויס פונ פאבריק-הויפ און פארקערט אפנ וועג, וואָ
פירט צו זיינ היימ.

— גאנצ גוט. איכ וועל זיך אָפּרוענ, איכ וועל לייענענ — האָ
ער זיך געטראכט. און ניט געקוקט דערופ, וואָס צו זיינ דירע א

כ געווענ גאנצ ווייס, האָט ער שוינ געפילט די ווארעמקייט פונ
נ קליינ צימערל, ער האָט געזעג זיינ קליינ טישעלע, בא וועלכנ
ט וועט שלינגענ די אומלעגאלע צייטונגענ מיט לענינס קלוגע אונ
ע ארטיקלענ. ער וועט זיכ פארשפאָרנ, וועט פארהענגענ דאָס
נ שיטער ווענטל, ווו די טאפעטנ זיינענ שוינ צעטרעסקעט געוואָרנ
נ עמעצער קענ נאָכ פונ דעמ באלעבאָס צימער זענ, וואָס
טוט.
— די אלטיטשקע זאָל נאָר ניט זענ. בא איר, בא דער אל־
טשקער, איז ער שוינ לאנג זייער פארדעכטיק. הירשקע דאַוונט
נ, הירשקע איז ניט פרומ. שאבעס ארבעט הירשקע אונ זונטיק
ט ער...
— „אז ס'איז גאָר א גוי, ס'איז ניט קיינ ייִד, — פלעגט זאָגנ
אלטיטשקע צו איר זונ. א קרעמער, שוינ אינ די יאָרנ, ווענ ער
עגט קומענ שפעט אינ ד״ר נאכט פונ קראָמ — כ'דארפ טאקע ניי־
ק האָבנ אזעלכע שכיינים, וואָס מע טאָר פונ זיי דאָס אויג ניט
אָפּנעמענ... ווי נאָר ער גייט ארײנ אינ קיכ, אזוי באלד פאלנ
ד איינ די בלוטנ. ער קענ נאָכ מיר עפעס טרייפ מאכנ... א גוי
מער"...
די אלטיטשקע טאָר ניט באמערקנ, אז ער לייענט, ווייל ווי
ר זי וועט עס באמערקנ, אזוי באלד וועט זי אָנהייבנ מאכנ קווי־
ס אונ זי וועט אימ דורכוואַרפנ. דעריבער האָט ער היינט
שלאָסנ פארהענגענ די וואנט מיט עפעס אנ אלטנ בעגעד.
מיט א באזונדער האנאָע איז הירשקע דאָס מאָל ארײנגעגאנגענ
צימער, האָט מיט פארגעניגנ אָנגעצונדנ דעמ לאָמפּ...
נאָר דאָ האָט אימ א שטאָכ געטאָנ אינ הארצנ.
אפנ טיש איז געלעגנ א בריוו אונ אפנ קאָנווערט אינ ווינקעלע
קעגנ דער מארקע איז געווענ א קליינ קייקעלע — א סימענ פונ
ר אָרגאניזאציע.
— פונ קאָמיטעט. האָט ער א ציטער געטאָנ, אונ עפעס א וויכ־
ער איניעג, וויבאלד, אז מע שרייבט א בריוו, אפּגעמ אנ
טרער איניעג.
ער האָט געשווינד אופגעעפנט דעמ קאָנווערט.
אינ בריוו זיינענ געווענ א פּאָר קורצע שורעס...

„טייערער הירשקע, קום צו מיר מאָרגן אום זעקס אין אָוו
מיר וועלן גיין ביידע אין טעאטער, איך האָב בילעטן. קאָפּל".

און גאָר.

אָבער דער אונטערשריפט „קאָפּל" האָט אים פיל מער געזאָ
ווי הונדערטער שורעס. „קאָפּל" האָט באַטײַט, אַז מע מוז זוכן
טער, אַז אָט די דאָזיקע שורעס זײַנען גאָרנישט ווערט, אַז מע דאַ
זוכן צווישן די שורעס.

ער האָט פאַרהאַנגען די וואַנט מיטן דעקל, וואָס ער האָט אַראָ
גענומען פון צוואָק, און האָט דעם בריוו גענומען וואַרעמען אַ
לאָמפּ. באַלד האָבן זיך באַוויזן איינע נאָך די אַנדערע שוואַרצ
שורעלעך. אַסאַך־אַסאַך, מיט קליינינקע, דראָבנינקע אויסיעלעך.
ער האָט דעם בריוו גוט „דערוואַרעמט" און מער האָבן זיך ש
ניט געוויזן קיין שורעלעך. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לייענען.

אין בריוו איז געווען געשריבן, אַז לויט אַ ידיעה, וואָס ד
קאָמיטעט האָט באַקומען פון די אײַזנבאַן־אַרבעטער, איז אין ב
גאַזש־אָפּטייל שוין פון לאַנג געלעגן אַ גרויסער קאָרב. וואָס קיי
איז אים ניט געקומען צונעמען. די זשאַנדאַרמען האָבן זיך פאַר
טערעסירט מיט דעם קאָרב און זיי האָבן אים געעפנט. דער קאָרב
געווען געפּאַקט מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור. אַנאָנים, אַז די
טאַנציע, לויט וועלכער מע האָט געקאָנט אָננעמען די ליטעראַ
איז ערגעץ אויף דער נאַכט פאַרפאַלן געוואָרן און אין קאָמיטעט ה
מען ניט געוווּסט פונעם טראַנספּאָרט ליטעראַטור.

איצט געפינט זיך די ליטעראַטור אין צימער בײַ די זשאַנדאַ
מען און אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען זי אַוועקפירן אין
ראַנקע. די אײַזנבאַן־אַרבעטער האָבן זיך דערפון דערוווּסט און ה
אָנגעזאָגט אין קאָמיטעט. און דער קאָמיטעט האָט באַשלאָסן, אַז
מוז די ליטעראַטור ווי עס איז ראַטעווען פון די זשאַנדאַרמ
הענט. דעריבער דאַרף הירשקע קומען צו איינעם אַ כאַווער, ווע
דער קאָמיטעט האָט איבערגעגעבן דורכצופירן דאָס דאָזיקע שט
אַרבעט. דאָרט וועט ער זיך באַקענען מיטן גאַנצן פּלאַן און
מוזן נעמען אָנטייל אין דורכפירן אים.

די אַרבעט איז גאָר אַ שווערע, אָבער, אַז דער קאָמיטעט היי
מוז מען פאָלגן, זאָל אפילו קאָסטן דאָס לעבן. איז ניט געק

ערופּ, וואָס ער איז געווען מיד. האָט ער זיך גלייך אָנגעטאָן און יז אוועק צום באַשטימטן אָרט.

דריי זיינען זיי געווען...

אין צימער איז געווען שטיל. ארום א קליין טישל זיינען געזעסן דריי באַזוכער, צווישן וועלכע עס איז געווען איך, הירשקע, און איינער א באַוער. שוין אַן עלטערער, מיט א שוואַרץ בערדל. האָט אַף א שטיקל פּאַפּיר געצייכנט דעם פּלאַן פונעם וואָקזאַל, די באַגאַזש־קאַנטאָר און דעם צימער פון די זשאַנדאַרמען.

— מאָרגן וועלן מיר מיינס אויך, האָט געזאָגט דער באַוער מיט דער שוואַרצער באָרד. הירשקע וועט מיך מאָרגן אַריינגיין אין דעם צימער צו די זשאַנדאַרמען און וועט מיך א קוק טאָן, ווי דרויס איז דער קאָרב. צוויי טרעגער האָבן מיר דאָרט אייגענע בעזיורע, מיטגלידער פון אונדזער פּאַרטיי. זיי וועלן אויך דאָרטן זיין, אָבער זיי וועלן ניט טראָגן דעם קאָרב, דאָס וועלן מיר טאָן, די טרעגער וועלן בלויז אונדז צוהילף זיין.

— אפן וואָקזאַל וועלן מיר זיין זעלבעדריט. איך גלויב, אז זעלבעדריט וועט מען דעם קאָרב קענען אַרויסשלעפּן. איר זעט, אָט איז די פּלאַטפאָרמע — האָט ער אָנגעוויזן אַף זיין צייכענונג, אַף דער פּלאַטפאָרמע גייען אַרויס די פענצטער פון דעם זשאַנדאַרמען־צימער. שלעכטע אייזנבאַנאַרבעטער וועלן אונדז אויך צוהילף זיין, אָבער גאָר אַף אַן אַנדער אופן. אז מיר וועלן זיין אפן וואָקזאַל, וועלן מיר זיי געבן צו וויסן. מיר וועלן טרייבן איינציק, אין קאָרידאָר פון וואָקזאַל, ניט ווייט פון דער טיר פון זשאַנדאַרמס־צימער. לויט אונדזער סיגנאַל וועט איינער די פּראָוואָקאַטאָרס געבן א וואָרף מיט א שטיין און ייעט טרעפן אין שויב אז די זשאַנדאַרמען. פאַרשטייט זיך, אז די זשאַנדאַרמען וועלן גלייך אַרויסלויפן א קוק טאָן, ווער זעצט דאָרט אין די שויבן מיט שטיינער. אין דער זעלבער צייט, וועלן מיר זיך מוזן אַריינרייסן אין צימער און אַרויסשלעפּן דעם קאָרב. די טרעגער וועלן פאַר אונדז דערווייל באַהעלטן פורלייט, אז יעדער פון אונדז זאָל זיך אָפּפאָרן אין באַ־ אַנדערע זייטן.

— טאָמער וועט אָבער ארויסלויפן נאָר איינ זשאנדארם או
איינער וועט בלייבן, זאָלן מיר געבן צו וויסן, און זיי וועלן אי
א ווײַלע ארום ווידער אָנהייבן זעצן מיט שטיינער.
— אלנפאלס וועלן מיר מוזן פארכאפן מיט זיך א געזונט
דלאָס. טאָמער פארשליסן די זשאנדארמען דעם צימער, זאָלן מי
פלינק קאָנען אָפּברעכן דעם שלאָס.
דאָס איז שוין גאָר א הארב שטיקל ארבעט. און הירשקע האָ
עטלעכע שאָ נאָכאנאנד געארבעט בא זיך אין צימער, ביז ער האָ
„ויסגערייניקט" די שטוב פון אומלעגאלער ליטעראטור, ביז ער האָ
די ליטעראטור באהאלטן. טאָמער ארעסטירט מען אים, זאָל אינדערהיי
זיין „ריין", וועט ער שוין ווי עס איז געפינען א תירוץ. —
א מידער האָט ער זיך געלייגט שלאָפן. אָבער שלאָפן האָט ע
ניט געקענט. ער האָט אלץ געטראכט, וואָס זאָל ער זאָגן די זשא
דארמען, ווען ער וועט אריינגיין צו זיי אין צימער, וואָס וועט ע
זאָגן, אויב מע וועט אים ארעסטירן א. אז. וו.
גיין האָט מען געדארפט אַפּ דער „ארבעט" גאנץ פרי, ווען א
וואָקזאל זיינען ווייניק מענטשן, מע זאָל קאָנען בעסער אנטלויפ
אינדערפרי זיינען ניט אלע זשאנדארמען אין זייער צימער, עס א
דאָ נאָר א דעזשורנער.
ניט געקוקט דערויף, וואָס ער איז א גאנצע נאכט קימאט נ
געשלאָפן, איז ער דאָך אופגעשטאנען צו דער צייט. ער האָט ז
פלינק איינגעוואשן, אָפּגעגעסן און אַוז ארויס פון שטוב.
ווען ער איז געקומען אַפּן וואָקזאל, האָט ער באמערקט,
הארט לעבן באגאזש-צימער שטייט איינער פון די כאוויירים, א
דער, וואָס ביטן בערדל, און רעדט מיט צוויי טרעגער:
— עפּשער איז מעגלעך, אז איר זאָלט פאר מיר קויפן א ב
לעט אַפּ דעם צוועלפצייגערדיקן צוג. איך וועל קומען...
הירשקע איז צוגעגאנגען צו זיי און האָט אויך אזוי הויך א
קאָל א פרעג געטאָן:
— ווי קאָן מען דאָ דערגיין, ווען גייט אַפּ א צוג אַפּ מאָסקוו
דאָס שווארצע בערדל האָט מיט דער האנט אָנגעוויזן אַפּן צ
מער פון זשאנדארם:
— אָט־אָ־דאָ, באָכערל.

הירשקע איז אוועק צו די זשאנדארמען. דאָס בערדל האָט שטי־
ערהייט א זאָג געטאָן צו די טרעגער:

— ער וועט פאָרן מיט דער קאָרוינע... אים דארף מען געבן
עם בעסטן פערד...

— גוט...

הירשקע איז ארויס. דאָס בערדל האָט זיך געווענדט צו אים:

— נו, ווען גייט דער צוג?

הירשקע איז צוגעגאנגען צו זיי.

— דער קאָרב איז ניט גאָר קיין גרויסער, נאָר ער דארף זיין א
ווערער. אין צימער זיצן צוויי זשאנדארמען.

אָט דאָס אלץ האָט ער געזאָגט אייגנטלעך ניט מיט ווערטער.
האָט מער געמאכט מיט די הענט, איידער ער האָט געזאָגט.

ענדלעך איז געקומען דער דריטער באוער.

דאָ האָט מען באשלאָסן צוטרעטן צו דער ארבעט.

איינער פון די טרעגער איז ארויס אפ דער פלאטפאָרמע און
געבן א שטילן קלונג אין גרויסן גלאָק.

הירשקע מיט די איבעריקע צוויי באווירים האָבן זיך אוועק־
שטעלט פונדערווייטן, אין שאָטן, און געוואַרט.

באלד האָט זיך דערהערט א טראסק און אינדערלויפטן האָבן
ן צעשאָטן שויבן.

עס איז געוואָרן א צערודערונג, די טיר פון זשאנדארם־צימער
ט אופגעפראלט און מיט א צעבלוטיקט פּאָנעם איז ארויסגעלאָפן
ין זשאנדארם. באלד האָט זיך ווידער דערהערט א שטילער קלונג
ן גלאָק, און שטיינער האָבן גענומען פליען איינער נאָכן אנדערן.
ווי א פייל פון בויגן איז ארויסגעלאָפן דער צווייטער זשאנדארם. -
טיר האָט ער געשווינד פארשלאָסן.

ווי נאָר ער איז ארויסגעלאָפן פון קאָרידאָר, האָט הירשקע גע־
בן א שפרונג צו דער טיר, האָט מיטן דלאָט א קוועטש געטאָן
ם שלאָס. די טיר האָט אופגעפראלט און אלע דריי האָבן זיך א
ן געטאָן אין צימער.

אין איין סעקונדע איז דער קאָרב געלעגן בא הירשקען אפ דער
יצע. ביידע באווירים האָבן געהאלטן פון ביידע זייטן און אפ
אויפן האָט מען אים ארויסגעטראָגן אפ דער גאס. איינער פון די

טרעגער האָט געהאַלטן א פערד פאר דער צוים. אפ דער דאָזיקער פ
האָט זיך הירשקע אויסגעצויגן אין איז פיל־אויסנבייגן אנטלאָ
אין שטאָט אַרײַן.

די איבעריקע באַוווינער האָבן אויך גענומען פירלייט און זיי
אייעקנגעפאָרן אין פארשיידענע נאכן.

הירשקע איז געזעסן אף דעם קארב א בראַטער, אן אופגער
טער אין שאַרפ געקריטש, אין אַלע ייינקלעך פון די גאסן, צו
מען איט ניט נאָך

אף די גאסן איז נאָך גערגנו די נאכט. ערגעצווי הינטער ד
שטאָט האָט שוין געגעבן טאָגן אין דער האָריזאָנט פון מיזר
זיים האָט זיך שטארך געגעבן בלייבן, נאָר דאָ אין די אַזייגע
די גאסן, צווישן די הייכע טייערן איז נאָך דער טאָג ניט גע
קענטיק.

הירשקע האָט געהאט א מארשרוט. ער האָט געוויסט, אז
פריער עטלעכע גאסן, דארף ער פארהערעיען אף ניקאָלייע
גאס, דאָרט זעגן א שטיב ייעט שיין שטיין דאָס בערדל און
איז יאָגן, רייטן צו פאָרן ווייטער. —

ענדלעך איז מען געקומען עפעס אין א שמאָל געסל מיט
הויכע ביימער אזוי, אז דאָ איז געווען שטאָק־פינצטער. נעבן א ה
ביימער האָט זיך די פיר אָפּגעשטעלט. דער טייער האָט זיך פ
געעפנט אין אריינגעטראָגן דעם קאָרב מיט הירשקען.

דאָרט אָבער לאַנג דעם קאָרב האָט מען ניט געטאָרט. ווייל
די סטאַנדאַרטע יאָלבן געפּאַקט דעם פורמאַן, וואָלטן זיי
געזעסן, ער נאָר ייין, ייִדן האָט ער געבראַכט דעם „פּאַסאַ
דעריבער האָט מען באַלד באַשלאָסן אויסצוליידיקן דעם קאָרב.

אין א פאָר שעה אַרום האָבן אין דעם היכן טייער גע
ייִן איינע נאָך די אַנדערע פרייען מיט האַנט־קעדבלעך. גיי
איין בלעגן זיי, דימט זיך, זיין נאָר דארט, אָבער צוריק, פון
ער, בלעגן זיי שיין אויסגעצויגן פֿיס, דיקע מיט אָנגעפילטע
לעכן אין פון איבן פלעגן דיינן יאָסעמריק עטלעכע בוריקעס
כאָר מערן. א פאָר רעטעכער...

פאר א פאר שעה האָט מען דעם קאָרב אויסגעליידיקט.

אינ איינ סעקונדע איז דער קארב געלעגנ בא הירשקענ אפ דער פלייצע

א רויִקער, א צופרידענער, מיט א געפיל פון פרייד פאר דעם גרויסער אָפּגעטאָנענער ארבעט, איז הירשקע אוועק אהיים, האָט זיך אויסגעטאָן און זיך ארייַנגעוואָרפן אין בעט אריין...

באלד איז ער איינגעשלאָפן.

פון הינטער דער וואנט האָט די אַפּטיטשקע א קוק געטאָן דורכן שפּאַלט פון די צעפּלאצטע טאפעטן, האָט באדויערנדיק א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שטילערהייט ארויסגעמורמלט:

— געשיקערט ערגעץ, מיסטאָמע, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאר די רייד. אז מע וואַרפט אַראָפּ פון זיך דעם יאָך פון יידישקייט, וואָס דען קען זיין?...

דער ערשטער פֿאַרשלאָג

(אַן עפּיזאָד פֿון אַמאָליקע שווערע צײַטן)

1

אונדזער שילער־אָרגאַניזאַציע האָט באַשלאָסן אַרויסלאָזן א בלעטל איבער איינע פֿון די וויכטיקע אָרטיקע געשעענישן. איך בין א גאַנצן טאָג געזעסן אין צימער, האָב געשריבן דאָס בלעטל און שפּעטער געדרוקט עס אַף א העקטאָגראַף. איך בין נאָך דאַן זייער ונג געווען און ווייניק דערפֿאַרן. מײַנע עלטערע כאַווייִרים האָבן מיך צוגעצויגן צו אַזאַ אַרבעט מיסטאָמע דערפֿאַר, וואָס צווישן זיי זײַ־ען געווען־ווייניק אַזעלכע, וואָס האָבן געקענט אָנשרײַבן א בלעטל. בא מיר איז אויך געווען א גוטער קסאַוו־יאַד.

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך אין האַרצן שטאַרק גרויס גע־האַלטן, וואָס איך האָב געקראָגן אַזאַ קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, ווי אָנ־שרײַבן און אָפּדרוקן א פּראָקלאַמאַציע. איך האָב זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי אַף דער „בירזשע" וועלן הונדערטער אַרבעטער לייענען די פּראָק־לאַמאַציע און ריידן וועגן איר, און איך, דער לעבעדיקער באַשעפֿער פֿון דער פּראָקלאַמאַציע, וועל אַרומגיין צווישן זיי, וועל זיך צוהערן, ווי זיי לויבן די פּראָקלאַמאַציע און זיי וועלן ניט וויסן, ווער ס'איז איר אַוטאָר. די גוואַלדיקע קאָנספּיראַציע, וואָס די פּאַרטיי האָט אַנט־וויקלט בא אירע מיטגלידער פֿון דער ערשטער מינוט, ווי זיי האָבן נאָר אַריבערגעטראָטן איר שוועל, האָט מיר ניט דערלויבט צו זאָגן, ווער איז דער אַוטאָר, אַפֿילו מײַנע אייגענע פֿרײַנט, מיט וועלכע איך פֿלעג זיך טיילן אַלע מײַנע יוגנט־ליידן און יוגנט־פֿריידן.

איך בין געגאַנגען גאַנץ שפּעט באַנאַכט אַהיים. א מידער אָבער א גליקלעכער, ווי עס קען נאָר זײַן גליקלעך א יונגער קעמפֿער,

וועלכער האָט אויסגעפֿירט א וויכטיקע קאָנספּיראַטיווע ארבעט, וואָס
די פּאַרטיי האָט אַף אים ארופגעלייגט. איך האָב געקוקט אפֿן טיפֿ
בלוי־שוואַרצן הימל, אַף די זילבער־ווייסע שטערנדלעך, און מיר האָט
זיך געדוכט, אַז אויך זיי ווייסן וועגן די קאָנספּיראַטיווע ארבעטן
וואָס מיר טוען דאָ אָפּ אַף דער ערד. די סוידעסדיקע שטילע נאַכט
האָט מײַנע פֿאַנטאַזיע געציועקט און איך האָב זיך געמאָלט פֿאַרשיידענע
נע בילדער וועגן קאַפּיטאַליסטישע ארבעטער־שטרייקן אַף פֿאַבריקן, ווי
איך טרעט ארויס מיט פֿלאַמענדיקע רעדעס, אָנגעטאָן אין א מאַסקע,
א פֿאַרגרימירטער. און שפּעטער, נאָך דער רעדע, רינגלען מיך ארום
א פּאָר אייגענע כאַוויירים, טוען מיט דאָ אפֿן אָרט איבער, נעמען
אראָפּ דעם גרים און איך ווער פֿאַרפֿאַלן צווישן די מאַסן אַן אומ־
באַקאַנטער. איך האָב אויך געטראַכט וועגן אַן אומלעגאַלער דרוקע־
ריי, וואָס איך וועל אײַנאָרדענען ערגעץ אונטער דער ערד, דאַפֿקע
אונטער דעם גובערנאַטאָרס מויער, און די ערשטע פּראָקלאַמאַציע
וועל איך אומבאַדינגט אופקלעפּן בײַ אים אַף דער טיר, אָדער איך
וועל זי ארײַנשיקן אין א קאָנווערט צו אים גלײַך אין קאַנצעליאַ־
ריע ארײַן.

ביים איך בין געקומען אַף דער גאַס, ווי איך האָב געוווינט,
האָב איך זיך גוט ארומגעקוקט צי האָב איך עמעצן ניט „פֿאַרשלעפּט
מיט זיך, צי באַהאַלט זיך ניט עמעס א שפּיק ערגעץ אין די באַ־
נאַכטיקע שאָטנס און שפּירט מיר ניט נאָך. איידער איך בין ארײַן
אין טויער, האָב איך זיך נאָכאַמאָל ארומגעקוקט, און אַז איך האָב
זיך איבערצייגט, אַז קיינער שפּירט מיר ניט נאָך, האָב איך געעפֿנט
דאָס טויער־פֿערטל. דער הויף פֿון מײַן הויז איז געווען אַזוי קליין,
אַז מיט איין בליק האָט מען אים געקענט ארומכאַפּן און זען, צי
איז עמעצער דאָרטן פֿאַראַן. אַז איך האָב צוגעמאַכט דאָס פֿערטל,
האָב איך געוואָרפֿן א בליק אַף דעם פֿענצטער פֿון מײַן צימער. דער
פֿענצטער האָט ווי א בלינד אויג געסטאַרטשעט אַף דער וואַנט
צווישן אַלע ליכטיקע פֿענצטער ארום אים. הייסט עס, אַז בײַ מיר
איז קיינער ניטאָ און איך קען רויִק גיין אין שטוב ארײַן.

אפֿן טיש איז געלעגן א פֿאַרמאַכטער קאָנווערט, אַף וועלכן עס
איז געווען מיט געמאָלט־געבראָכענע אויסיעס אָנגעשריבן:
„דעם שילער פֿון פֿינפֿטן קלאַס". איך האָב גלײַך פֿאַרשטאַ

ען, אז דאָס איז איינעמ פונ אונדזערע געהיימע כאַווייריִמ. געשווינד האָב איכ אופגעריסנ דעמ קאָנווערט.

„ליבער פריינט!

איר האָט מיר צוגעזאָגט צו ברענגענ א ביקעט בעז. פארוואָס האָט איר ביז אהער ניט געבראכט? איכ וואַרט אפ די בלומענ מאָרגנ ביז 9 אזייגער אינדערפרי, נאָכדעמ מוז איכ אוועק אינ גימנאזיע. שטארעט זיכ, אז די בלומענ זאָלנ זיינ פרישע. פארדאַרטע האָב איכ ניט ליב.

אייער קאפריזנע אָליא"

אפנ פאַשעטנ מענטשלעכנ לאָשנ האָט דאָס געהייסנ אומגעפער אזוי: — „קומט מאָרגנ, ניט שפּעטער פונ צוויי אזייגער (מע פלעגט שטענדיק דארפנ צוגעבנ 5 שאָ צו די, וועלכע עס איז אָנגעוויזנ געוואָרנ אינ צעטעלע). סטארעט זיכ קומענ אומבאמערקט. עס איז דאָ א וויכטיקע פארטיי־שליכעס".

דאָס האָט מיכ אינגאנצנ איבעראשט. דער בריוו גייט פונ „קאָלעקטיוו". הייסט עס, אז אינ קאָלעקטיוו ווייסט מענ אויכ פונ מיר, אונ מע וויל מיר געבנ א וויכטיקע פארטיי־שליכעס. מאָרגנ וועל איכ זענ איינעמ פונ די געהיימע כאַווייריִמ, וואָס מיר, „מאסאָוויקעס", האָבנ קיינמאָל ניט געזענ, אונ ארומ וועמענ עס האָבנ זיכ אינ אונדזערע קינדערשע מויכעס געשאפנ גאנצע לעגענדעס. א „מענטש", וועלכנ דער צעקא האָט ספּעציעל אהער געשיקט אפ „ארבעט", דארפ זיינ ניט קיינ געוויינלעכער מענטש. דאָס צעמ־וואָרט „צעקא" האָט מאָדנע געהיימניספול געקלונגענ אונ האָט ארויסגערופנ א פאָרשטעלונג פונ עפּעס אומגעוויינלעכס. אונ איצט וועל איכ האָבנ צו טאָנ מיט א מענטשנ, וואָס איז געשיקט געוואָרנ טאקע פונ צעקא אליינ!

איכ בינ נאטירלעכ א גאנצע נאכט ניט געשלאָפנ. איינ זאכ האָט געטרייצט מיינ יונגע אונ רייכע פאנטאזיע: וואָס פאר א וויכטיקע שליכעס וויל דאָס מיר איבערגעבנ דער „קאָלעקטיוו" אונ „דער מענטש פונ צעקא"? אז דאָס איז זייער א וויכטיקע שליכעס, האָב איכ פארשטאנענ פונ דעמ קאָנספּיראטיוונ ארט שרייבנ. עפּשער טאַקע איינאָרדענענ אנ אומלעגאלע דרוקעריי? אָדער פאָרנ ערגעצ אינ א שטאָט „איינשטעלנ די ארבעט"? אז איכ כויג נאָכ דערצו ניט,

האָב איך זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט: וויבאלד מיט מיר וועט רייד „דער מענטש פונ צעקא״ אליינ איז ניט שייעכ. איך בינ געווע גליקלעכ איבער־גליקלעכ. איך האָב זיך מיר פאָרגעשטעלט, וויאזו איך וועל שפעטער ריידנ מיט די כאווערים פונ מיינ קרייזל. איך וועל מיט זיי ריידנ, ווי אנ עלטערער מענטש, גרויס וועל איך זיך ניט האלטנ — דאָס פאסט ניט פאר א קעמפער. פארקערט, איך וועל זיינ זייער באשיידנ, וועל ריידנ שטיל, געלאסנ, ווי עס רעדט א מענטש פונ צעקא...

מאָרגנ 2 אזייגער! ווי דערלעבט מענ שוינ יענע גליקלעכע צייט?!..

אזייגער 7 אינדערפרי בינ איך שוינ געווענ אפ די פיס. איך האָב געוווּסט, אז עס איז נאָכ צו פרי, אז פריער פאר 9 קענ איך ניט דערגיינ דעמ אדרעס, וועלכנ איך דארפ האָבנ, אָבער ליגנ איך בעט איז פאר מיר ווייטער געווענ אומעגלעכ. איך האָב זיך אפ האלבנ אָנגעטאָנ, האָב גענומענ ארומשפאנענ איבער מיינ קליינעמ ציי מער אונ האָב אלע ווייל א ארייגעקוקט אינ שפארונקעלע, וואָס האָ געפירט אינ צווייטנ צימער, ווו עס איז געהאנגענ א גרויסער וואנט זייגער. איך האָב דאָס מאָל באוונדערס פיל געוואשנ זיך, האָב לאנ געדרייט זיך באמ אָנטאָנ זיך, קעדיי די צייט זאָל זיך ניט ציע אזוי פאמעלעכ. איך האָב געפרוווּט נעמענ עפעס וואָס לייענענ. נאָר בי דערענדיקנדיק די פראזע, וואָס איך האָב אָנגעהויבנ, האָב איך שוינ דאָס בוכ פארמאכט אונ בינ ווידער אוועק שפאנענ איבערנ צימער. אונ דער זייגער האָט זיך ניט גערוקט פונ אָרט. כונקס ווי עמעצער וואָלט אינווייניק געזעסנ אונ אייגעהאלטנ די ווייזערלעכ.

— אייער זייגער קריכט, דוכט מיר, עס מוז שוינ זיינ שפעטער

עפעס איז אזוי ליכטיק אפ דער גאס, ווי אינמיטנ טאָג — אזוי זאָג איך צו מיינ באלעבאָס, א וואלד־מעקלער, וואָס זיצט בא א צייטונג אונ קוקט איבער וויפל פליטנ זיינענ פארנ נעכטיקנ טאָג אָנגעקומענ אפנ טייכ. גאנצ קאלטבלוטיק נעמט ער ארויס זיינ טאשנ־זייגערל, ווישט אויס גאנצ קאלטבלוטיק, ווי ער וואָלט זיך מיט מיר גערייצט, דאָס גאָלדנ דעקל. ער טוט א בליאסק פאר מיינע אויגנ, אונ עס צעשטראַלט זיך, ווי די פרילינג־זונ. ער טוט רויק א קוק אפ זיינ זייגערל אונ אפ דעמ וואנט־זייגער.

— פונקט, אין מינוט. נעכטן פאַרנאַכט אַפּ דער פּאָסט אָנגע־שטעלט.

און געדולט האָט זיך מיר, אַז ער לייגט, אַז ער רייצט זיך מיט מיר. איך האָב אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און בין אַריין צו מיר אין צימער.

דעם אַדרעס פון דעם „מענטשן פון צעקאַ" האָב איך, נאַטירלעך, ניט געוווּסט. איך האָב פריער געדאַרפט קומען צו מיין „פאָר־שטייער" אין ער האָט מיר געדאַרפט אָנווייזן אַפּ דעם אַדרעס און פון דאָרטן וועל איך דערגיין ווייטער. איך בין זייער פּאָרזיכטיק אַרויסגעגאַנגען אַפּ דער גאַס. יעדער מענטש איז בא מיר געווען פאַרדעכטיק, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז היינט קוקט מען מיר נאָך באַזונדערס. איבער צענדליקער גאַסן, איבער וועלכע איך האָב גאָר ניט געדאַרפט גיין, בין איך געגאַנגען. איך בין אַריינ־געגאַנגען אין אַ היפּשע צאָל טויערן און פון דאָרט אַרויסגעקוקט, צי גייט מען מיר ניט נאָך. ענדלעך בין איך אַריין צו מיין „פאָרשטייער".

ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז 12 אזייגער דאַרפ איך זיין אין „אָנ—אָרט".

צו דער צייט בין איך געקומען לויט דעם אַדרעס. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ יונג מיידל, וואָס איז געווען פּאָשעט גע־קליידעט, אָבער מיט געשמאַק. עס איז געווען איינע פון יענע בורזשואַזע הייזלער, וואָס פלעגן אַמאָליקע יאָרן אונדז דינען פאַר קאָנ־ספּיראַטיווע ווינונגען און אַדרעסן. אַז איך האָב איבערגעגעבן דעם פּאַראָל, האָט זי מיך געבעטן זיצן און אָנגערופן „כאַווער". אַדאַ־יאָם געדענק איך דאָס כיינעוודיקע פּאָנעם פון דעם מיידל, וואָס האָט זיך אָוועקגעזעצט אַנטקעגן מיר, אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אַפּ די קני. זי האָט מיר גלייך מיט אַ מאָדנעם האַרציקן שמייכל געקוקט אין די אויגן אַריין, געלייענט אַ לעקציע וועגן קאָנספּיראַציע און וועגן דעם, ווי מע דאַרף זיך האַלטן, ווען מע אַרעסטירט. איך האָב איר פּאָשעטן פריינטלעכן בליק ניט אויסגעהאַלטן. מיין פּאָנעם האָט זיך געראַיטלט, און גאַנץ אָפט פלעג איך אַראָפּלאָזן די אויגן, אָנ־הייבן אָפּקראַצן קלוימערשט עפּעס אַ פלעק פונעם אַרבל.

איך בין פון איר גישט דערגאַנגען אַפּ וואָס פאַר אַן אַרבעט מע שיקט מיך, נאָר פאַרשטאַנען האָב איך, אַז די אַרבעט דראָט מיט

געפאַר אַרעסטירט. צו ווערנ. איך האָב זיך מער אָנגעשטרענגט אײַנ בינ געוואָרנ נאָכ ערנסטער. געשיקט בינ איך געוואָרנ צו איר, ווי איך האָב זיך דאָס פונ דער ווײַטערדיקער פּאַרטיי־פּראַקטיק דערוווּסט, צוליב דעם, אַז זי זאָל זיך מיט מיר באַקענענ, וואָס פאַר אַנ אײַנדרוק איך וועל מאַכנ אַפ איר. אויב אַ גינסטיקנ אײַנדרוק — שיקט זי מיך ווײַטער, אויב ניט — פּאַטערט זי מיך אָפּ מיט אַ קלייניקייט, און מיט דעם פאַרענדיקט זיך מײַנ שליכעס. אַפּאַנעם, אַז איך האָב אַפ איר געמאַכט ניט קיינ שלעכטנ אײַנדרוק. נאָכ אומגעפער אַ האַלבע שאָ שמועסנ, האָט זי מיר געזאָגט, אַז צו 2 אַזייגער דאַרפ איך אַרײַנגיינ צום מערק אינ קאַפע. לעבנ אײַנעם פונ די טישלעכ וועט זיצנ אַ מענטש אינ אַ שוואַרצער פעלערינע און וועט מאָלנ אַפ אַ פּאַפּיר אַ מענטשעלע. איך דאַרפ זיך זעצנ באַמ זעלבנ טישל, אַראָפּנעמענ דאָס היטל, אופהענגענ אַפנ שטול און גלײַכ ווידער אָנטאָנ. דאַנ וועט דער מענטש אינ דער פעלערינע אַ קוק טאָנ אַפ דער גאַס און וועט שטילערהייט זאָגנ: „פײַנעלעכ פלייענ", דאַרפ איך אים ענטפערנ: „ניינ, זיי ברומענ". דאַנ הייבט ער זיך אופ אינ גייט אוועק און לאָזט איבער אַפנ טיש דאָס פּאַפּירל מיטנ מענטשעלע. אַפ דער אַנדערער זײַט וועט זײַנ אָנגעשריבנ, אַויכ, נאַטירלעכ, פאַרשלעסט, דער אַדרעס, די צייט און דער פּאַראָל.

ענדלעך בינ איך געקומענ צום „פּאָרשטייער פונ צעקא".

עס איז געווענ פאַרנאַכט און אינ צימער איז געווענ האַלב טונקל, נעבנ טיש איז געשטאַנענ אַ בלאַסער יונגערמאַנ פונ אַ יאָר 25, מיט אַ קליינ בערדל, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, אָנגעטאָנ אינ אַ שוואַרצ העמדל. איך האָב געזאָגט דעמ פּאַראָל. ער איז צוגעגאַנגענ צו מיר, האָט מיר געדריקט די האַנט און האָט מיט אַ ווייכער האַרציקער שטימ געזאָגט.

איר ווייסט, כאַווער, — די פּאַרטיי לייגט אַפ אײַכ אַרופ זייער אַ שווערע אַרבעט. מע דאַרפ זי קענענ דורכפירנ. איר דאַרפט פאַרוויכנ, אַז אויב איר וואַרפט דורכ די זאַכ, קענט איר באַקומענ קאַטאָרגע און מיר וועלנ מוזנ בײַטנ די דירעס. אַנטשולדיקט, כאַווער, איכ וויל אײַכ, כאַלילע, ניט באַליידיקנ, נאָר איר פירט אויס פאַר אונדז דאָס ערשטע מאָל אַ וויכטיקע קאָנספּיראַטיווע אַרבעט, מיר זײַנ פאָרזיכטיק.

ב.מ. „פּאָרטרעט פון צעקאַ"

געדארפט האָב איך אריבערפירן נראָקלאמאציעס צום ו־טן מײַ קיין דווינסק.

נאָך דעם דאָזיקן געשפרעך מיט דעם „מיטגליד פון צעקא", בין איך עפעס ווי עלטער געוואָרן. איך האָב מיטאמאָל דערפילט די גרויסע היסכײַוועס, וואָס עס ליגט אפ מיר.

איך האָב אופגעהערט צו זיין א „יונג ייִנגל", איך האָב אופגע־הערט צו „שפּילן", כ׳האָב גערעדט פיל געלאסענער, געכטארעט זיך נאָכמאכן דעם „פאָרטייער פון צעקא", צו ברויכן מער „וויסנשאפט־לעכע" ווערטער, אזוי עס זאָל אויסקומען, ווי א גרויסער.

דרײַ מעסלעס האָב איך געברענט, ווי א פײַער. שטארקער פון אײַזן בין איך געווען, אז איך האָב ניט דערציילט יעדן פון מײַנע באקאנטע, אז איך בין באשטימט אריבערפירן פראָקלאמאציעס, — איך שטעל זיך פאָר, ווי איך וואָלט ביט אמאָל אויסגעוואקסן אין די אויגן פון מײַנע כאווײרים!

דער גוואלדיקער כײשעק צו טאָן עפעס, „ברענגען נוצן", איז געווען אומגעוויינלעך גרויס. יעדער פון אונדז, יונגע, האָט מאמעש געברענט.

איך האָב געבויט פארשיידענע פלענער, וויאזוי איך וועל אריבער־פירן די פראָקלאמאציעס אומבאמערקטערהייט. עס האָבן זיך מיר פאָר־געשטעלט שרעקלעכע בילדער, און אין דער זעלבער צײַט זייער שפאנענדיקע. אָט האָט זיך מיר געדוכט: איך זיץ אין וואגאָן און קוק אין פענצטער. ארום מיר זיצן עטלעכע אלטע ייִדן מיט ייִדענעס. לעבן מיר ליגט דאָס פעקל, מיטאמאָל — דער צוג הייבט אָן צו גיין שטילער און ער שטעלט זיך באלד אָפ. עס איז אינמיטן פעלד.

עס גייען ארײַן זשאנדארמען. אינדער שכיינעסדיקער קופע זוכט מען. זיי דערנענטערן זיך צו מיר

דאָ איז ניטאָ וועמען ארומצוזוכן, דו זעסט דאָך: אלטע לײַט — זאָגט איין זשאנדארם צום צווייטן.

— אָט יענץ באָכור וואָלט מען געדארכט א כרייכל טאָן: ער איז מיר פארדעכטיק.

— אָט דעם פיזיק (קליינינקן)?

— יאָ.

— אנו־קא, מאָשקע! דו פירסט פראָקלאמאציעס, זאָג דעם עמעס?

דיר וועלן מיר גאָרניט טאָן. מיר דארפן נאָר האָבן די פראָקלאמאַ־
ציעס.

איך קוק אומבאהאָלפן אפ די זשאנדארמען, אפ די אלטע יידן
און פרעג בא איינעם פון זיי — וואָס רעדט ער. איך פארשטיי קיין
איין וואָרט ניט.

איינער פון די יידן ווענדט זיך צום זשאנדארם:

— ער פארשטייט קיין רוסיש ניט, ער פאַרט פון דער יעשיווע.

— לאָמיר אים איבערלאָזן צו אַלע טײַוואָלאָנים, קום — און זיי
גייען אוועק.

איך בין אזוי צופרידן פון דעם אײַנפאל, אז איך שפרינג אראָפ
פון דער סאָפע און הייב אָן געשווינד ארומגיין איבערן צימער.

.2

דער פּלאַן מײַנער איז געווען פּראַקטיק. איך נעם מיט זיך א
קליינעם קערבעלע, אין וועלכן איך לייג אריין א קאָסטיום, א פּאָר
ספּילן, אן ארבע־קאנפעס, עטלעכע ספאָרים. איך פאָר געקליידעט, ווי
א פּויליש באָכערל, מיט א פּויליש־כסידישן היטעלע, מיט פייעס.
איך מאַך זיך מיר אומבאדינגט א קליינעם בערדעלע. די „מאצעס"—(פּראָ־
קלאַמאציעס) לייג איך אהעק אונטן אין קאָרב און פון אויבן — די
„היילִיקע" ספאָרים.

מײַן פאנטאזיע האָבן מיר אָבער די כאוויירים אביסל צעשטערט.
די פּראָקלאמאציעס האָב איך געמוזט ארומבינדן מיט שטריקעלעך
ארום זיך, איך בין איבער דעם אומגעגאנגען ווי א קראנקער: שטיל,
ניט געקענט אײַנבייגן זיך. איך האָב זיך די גאנצע צײַט געפילט
זייער שלעכט. אויסער דעם האָט מען מיר פארווערט אָנצוטאָן א
בערדל: סע וועט קענטיק זיין, איך קען נאָך דורכפאלן. שטילערהייט
בא זיך האָב איך באשלאָסן, אז א בערדל וועל איך זיך פאָרט
מאכן. אָבער אז מע האָט מיר געזאָגט, אז איינער פון די כאווײרים
וועט זיין אפן וואָקזאל און וועט זען, צי בין איך בעשאָלעם אריַין
אין וואגאָן, האָב איך זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דעם פּלאַן.

שוין פון אינדערפרי אָן, האָב איך די שפּאַרונקעלעך, וואָס פירן
צום באַלעבאָס אין צימער, פארהאנגען מיט א האנטעך. באם טיי־

טרינקענ האָב איכ דעמ באלעבאָס געמאָלדנ, אז איכ פאָר אָפ אפ א פאָר טעג צו מיינעמ א כאווער אינ דערבייִקנ קליינשטעטל, איכ האָב פונ אימ געקראָגנ אנ איינלאדונג.

ענדלעכ בינ איכ אריינ אינ וואגאָנ. עס איז שווער איבערצו־געבנ, וואָס איכ האָב איבערגעלעבט פאר דער האלבער שאָ, וואָס דער צוג איז געשטאנענ אפ דער פלאטפאָרמ. דער זשאנדארמ מיט דער בלאס ווייסער טושורקע, מיט דער שווערד אפ א זייט, וואָס איז רויִק ארומגעגאנגענ איבער דער פלאטפאָרמ, אונ געוואָרפנ אנ אויג אפ דעמ אָפענעמ פענצטער, נעבנ וועלכנ איכ בינ געזעסנ, האָט מיכ מאמעש רוענ ניט געלאָזט.

עס האָט זיכ מיר שטענדיק געדוכט, אז ער מיינט עפעס מיט זיינ רויִקנ שפאנ, אז ער ווייסט בליסאָפעק, אז איכ פיר „מאצעס“, נאָר ער ווארט אפ עמעצנ. באלד וועלנ אָנקומענ נאָכ זשאנדארמענ, וועלנ ארומרינגלענ דעמ וואגאָנ אונ וועלנ מיכ ארעסטירנ. בא יעדנ קלאפ פונ טיר פלעג איכ זיכ פארריקנ אינ א ווינקעלע אונ מאכנ זיכ, אז איכ שלאָפ.

ענדלעכ, האָט זיכ דער צוג גערירט פונ אָרט אונ איז לאנג־זאמ אוועק פונ שטאָט. איכ האָב זיכ איינגאנצנ בארויִקט אונ האָב זיכ דערפילט, ווי איכ וואָלט זיכ נאָר־וואָס געראטעוועט פונ א גרוי־סער געפאר.

אז דער צוג איז אוועק ווייט פונ אונטער דער שטאָט אונ האָט שארפ גענומענ שניידנ די נאכט־פינצטערניש, האָב איכ גענומענ בא־טראכטנ דעמ עולעמ מיט וועלכנ איכ זיצ. אנטקעגנ מיר זיינענ גע־זעסנ צוויי עלטערע ייִדנ, אלטמאָדיש געקליידעט, אונ האָבנ געפירט א געשפרעכ וועגנ פליכנ,—וועגנ די הויכע פרייזנ אפ האָלצ. איינער פונ זיי איז געווענ א ייִד פונ א יאָר זעכציק, מיט גאָלדענע פענ־סנע, מיט א קליינ שפיציק בראָדעוקעלע אפ דער נאָז, מיט א גרוי־סער גרויער באָרד, וואָס האָט פארדעקט זיינ גאנצע ברוסט. דער צווייטער — א ייִד פונ א יאָר פערציק, מיט רויטע בעקעלעכ, מיט א שווארצ גלאנציקער באָרד, וואָס ער האָט געהאלטנ אינ איינ גלעטנ.

אין קופע זיינענ געזעסנ נאָכ צוויי פערזאָנ, ביידע יונגע, דירעוו־דיקע, געקליידעט לויט דער לעצטער מאָדע. געפילט האָבנ זיי זיכ ווי אינדערהיימ: צעלייגט די גרויסע טשעמאָדאנעס, האָבנ זיי פונ

וואָס זעבער א ב, יאָהר, נעמט א ליטער בגיאָק,

דאָרט ארויסגענומענע גרויסע וועג־גלעזער אין מעטאלענע הענטלעך, האָבן צעלייגט א ווײַסינק טישטעכל, ארויסגענומענע עסנווארג און פעסט זיך גענומענע פאר דער אכילה. ווי עס איז שפּעטער קלאָר געוואָרן, זײַנען דאָס געווען צוויי קאָמיוואָיאַזשאָרן פון גאַלאַנטעריי־סכוירעס.

צוליב זיכערקײַט וועגן האָב איך ארויסגענומען מײַן סידער און זיך געזעצט זאָגן טילים. איך קוק אף קיינעם ניט און זאָג זיך מיט האסמאָדע אײַן פּאָסעק נאָכן אנדערן. צושאָקלענדיק זיך דערבײַ.

איינער פון די וואָיאַזשאָרן, א מער דורכגעטריבענער, כּמעט א יונג צו זײַן קאָלעגע—און ווײַזט אָן אף מיר.

— וואָס זאָגסטו אפן יאָלד? עפּעס א פרומער כניאָק.

ער דערציילט דערבײַ א ריי וויצן ווי א וואָיאַזשאָר קען. די עלטערע יידן האָט שטארק פארדראָסן, וואָס ווי לאכן פון אזא שטיק און פרום יינגעלע, ווי איך בין. דער גרויער ייד האָט מיך באזונ־דערס מעקארעוו געווען. ער האָט מיר געגעבן א שטיקל פון זײַן טאָרט, וואָס ער האָט מיטגענומען אין וועג. ווען מע האָט זיי גע־בראכט טיי, האָט ער מיר אויך געגעבן א גלאָז טיי מיט איינגע־מאכטס.

פאַרגעשטעלט האָט ער זיך, אז איך בין אן אָרעם יינגל, א יאָ־סעם. איך האָב אים אין די קורצע פראגן־ענטפערן, וואָס זיינען פאָר־געקומען צווישן אונדז, זײַן פאָרשטעלונג ניט צעשטערט. איך האָב דעריבער גענומען אלע גוטע זאכן, וואָס ער האָט מיר געגעבן.

דאָס האָט נאָך מער געגרייצט די וואָיאַזשאָרן און זיי האָבן גע־נומען לאכן פון מיר. איינער פון די עלטערע יידן מיט דער גרויער באָרד האָט געזאָגט צו זיינע שאָכן, אז די וואָיאַזשאָרן זאָלן הערן.

— אָט דערפאר זײַנען מיר אין גאָלעס: א גוי וועט ניט אָפּ־לאכן פון א יידן, ווי אָט די אנדערע אויכעט־יישראָעל *.

דער וואָיאַזשאָר איז ניט שטיל געוואָרן און, ווי אפצעלאָכעט די אלטע, האָט ער זיך געווענדט צו מיר.

— יינגעלע, וועמעס טאטע ביסטו? כאָסער־קוויטש עסטו?

דער אלטער האָט ניט ארויסגעהאלפן און זיך שטארק צעווערטלט מיט די וואָיאַזשאָרן.

* אויכעט־יישראָעל — פארעטער פון יידנטום, משומדים, אפּיקורסים.

מיר איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, וואָס זיי קריגן זיך איבער מיר. עס האָט זיך מיר געגלוסט לאַכן, נאָר איך האָב זיך שטאַרק איינגעהאַלטן, פֿאַרטיפֿט זיך נאָך מער אין טילים. אָבער אַז עס פֿלעגט שוין ווערן אומגליקלעך אײַנצוהאַלטן זיך, פֿלעג איך צודעקן דאָס פּנים מיטן טילים און פֿלעג זיך שטילערהייט צעלאַכן. באַזונדערס איז מיר געפֿעלן געוואָרן דאָס, וואָס זיי ווערן בייזע ניט, וועגן וועמען זיי ריידן. איך האָב זיך מיר פֿאָרגעשטעלט, וואָס פֿאַר א פּנים וואָלט געוואָרן בא דעם אַלטן ייִדן, וואָס האָט מיך באַזונדער פֿאַרטיידיקט און האָט מיך זייער וואַרעם אויפֿגענומען, ווען עס וואָלטן אָנגעקומען זשאַנדאַרמען און וואָלטן מיך אַרומגענומען, און אינמיטן דערינען געפֿונען פּראָקלאַמאַציעס... איך האָב זיך אויך פֿאָרגעשטעלט, ווי וואָלט דער זעלבער אַלטער אויסגעזען אין די אויגן פֿון דעם וואָיאַזשאָר, וואָס האָט אים באַזונדערס אַטאַקירט מיט זײַנע וואָיאַזשאָרישע וויצן.

3.

ענדלעך זײַנען מיר צוגעפֿאָרן צו דווינסק, איך האָב געפֿילט, אַז דאָס איז דער לעצטער מאָמענט. אויב איך וועל בעשאָלעם אַריבער־גיין די גאַס און וועל אַרײַן אין האָטעל, איז די גרעסטע געפֿאַר אַריבער. איך בין זייער פֿאָרזיכטיק אַרויס פֿון וואַגאָן, האָב זיך שטאַרק אַרומגעקוקט, צי איז דאָ עמעצער ניטאָ פֿון די פֿאַרדעכטיקע פּערזאָנען, איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די טרעפּלעך.

מיטאַמאָל האָט געפּלאַצט א שטריק, מיט וועלכן איך האָב אַרומ־געבונדן אַרום זיך די פּראָקלאַמאַציעס. איך האָב זיך געכאַפּט פֿאַרן בויך, ווי עס וואָלט מיך געכאַפּט קראַמפּן. איך בין קריכנדיק אַרויס פֿון וואָקזאַל. א טרעגער האָט בא מיר צוגענומען דאָס קערבל און איך האָב זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אים צוהינקענדיק אף איין פֿוס. איך בין פֿאַרפֿאָרן אין א האָטעל.

געעפֿנט האָט מיר אן עלטערער פֿאַרשלאָפֿענער ייִד אין אונטער־שטע וועש. אין קאָרידאָר איז געווען פֿינצטער. ער האָט מיר געעפֿנט א טיר פֿון א נומער און איך בין אַרײַן אין צימער. אַז איך בין געבליבן איינער אַליין, האָב איך זיך ערשט דערפֿילט רויִק, איך האָב

זיך גלייך אויסגעטאָן, האָב אָפּגעבונדן די בלעטלעך, האָב זיי מיט א באַזונדערער ליבע אויסגעגלעט, איינ א פּאַפּיר פאַרבונדן און איינ־געטערגערוקט זיי אונטערן בעט. איצט אפילו, אז עס וועלן קו־מען זשאַנדאַרמען האָב איך אויך א טרעסט — ווער קען וויסן, ווער עס, האָט זיי דאָ אוועקגעלייגט.

איך האָב שוין דורכגעפירט מיין ארבעט! אָט א געלעכטער' ווא זשאַנדאַרמער, ווער זשאַנדאַרמען!

און געדוכט האָט זיך מיר, אז איך האָב פאַר זיי גאָר קיינמאָל ניט מוירע געהאַט. אז איך האָב זיי אַלעמאָל געהערט, ווי דעם קאַ־סער.

איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, ווי איך קום צוריק און גיב אָפּ א באַריכט פון מיין רייזע: א גליקלעכער, אָבער אַן ערנסטער שטיי איך פאַרן „מיטגליד פון צעקא" און רויק, זאַכלעך דערצייל איך אים די געשיכטע פון מיין רייזע. איך גיב אים אויך איבער דעם "צו־שטאַנד פון דער דווינסקער אָרגאַניזאַציע". ער הערט מיך אויס און רעדט מיט מיר ווי מיט א גלייכן, ווי מיט א מענטשן, וואָס האָט גלענצנד דורכגעפירט א קאָנספּיראַטיווע שליכעס. און שפּעטער ווען אין אונדזער אומלעגאַלער „כראָניק" זיינ געדרוקט א קאָרעספּאָנדענץ, ווו עס וועט דערמאָנט ווערן, אז איינעם א כאַווער האָט זיך איינ־געגעבן דורכצופירן פּראָקלאַמאַציעס אין דווינסק, און דער כאַווער וועט זיין איך, איך... און מיטאמאָל האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער קאָמישער מייסע אין וואַגאָן. ווי דער וואָיאַזשאָר האָט מיך אָנגענו־מען פאַר עפּעס א יאָלד. איך דערמאָן זיך אָן די וויצן, וואָס ער האָט דערציילט און עס כאַפּט מיך אָן א געלעכטער.

אָט אזוי ליגנדיק בין איך איינגעשלאָפן.

נאָר אין שלאָף האָב איך דערפילט, אז די טיר האָט א סקריי־פּע געטאָן און עמעצער איז אריין אין צימער. איך האָב די אויגן אָן עפן געטאָן. — און ווי עמעצער וואָלט מיך א שטופּ געגעבן, האָב איך זיך האסטיק אוועקגעזעצט.

אין דער טונקעלער גרויקייט פון צימער, האָב איך לעבן טיר באַמערקט א טונקל־הויכע פיגור און אין די אויגן האָבן א בליאַסק געטאָן צוויי רייען מעשענע קנעפּ. דאָס בלוט האָט א קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ: „וואָס בין איך געווען אזוי פריילעך? איך האָב געמיינט

אז אזוי גלאט קומט אָנ דורכצופירנ פראָקלאמאציעס? ניינ, ברודערקע"... אונ גלייכ איז מיר אינ מויעכ, ווי א בליצ, דורכגעפלויגנ א כשאד אפ דעמ האָיאזשאָרל, וואָס האָט פונ מיר געלאכט. איכ האָב זיכ דערמאָנט, אז ווענ איכ בינ געגאנגענ כונ וואָקזאל, אונ האָב זיכ קלוימערשט, געהאלטנ פארנ בויכ, האָט ער פונ מיר מאָדנע געלאכט, האָט זיכ פארדעכטיק געווינצלט אונ האָט אלצ געוואָלט א כאפ טאָנ מיכ פארנ בויכ. אָט די שפיקעס ווייסנ שוינ ווי ארייִנצונארנ זייער קאָרבנ ביפראט. נאָכ אזא יונגנ כעוורע־מאנ, ווי איכ. ער האָט זיכ מיט מיר צוזאמענ ארייִנגעזעצט אינ וואגאָנ. איז מיטגעפאָרנ אונ דאָ וועט ער מיכ בליסאָפעק ארעסטירנ. אָט דאָס אלצ איז דורכגעפלויגנ מיר אינ מויעכ אינ איינ סעקונדע.

איכ האָב זיכ געווענדט צו דער פיגור:

— וואָס האָט איר געדארפט?

דער מענטש האָט איינגעבויגנ דעמ קאָפ אונ א דריי געטאָנ מיט די רעכטע וואָנצ.

דאָס איז מיר נאָכ פארדעכטיקער געוואָרנ. וואָס שווייגט ער? ניינ, דאָס טויג ניט. מענ מוז ארבעטנ ענערגישער אונ פלינקער. מע מוז זענ דורכ אימ גופע ראטעווענ זיכ. מע מוז אימ עפעס געבנ...

— בארינ. — האָט דער מענטש שטיל ארויסגעזאָגט.

— וואָס, וואָס דארפט איר?

— פאשפאָרט.

איכ בינ פארבלאָנ. ווענג דעמ איז ניטאָ וואָס צו ריידנ. עס דוכט זיכ מיר גאָר, אז איכ האָב פארגעסנ דעמ פאס אינדערהיימ.

איכ האָב איבערגעטאָנ קאָסטיומענ, געדארפט זיכ דאָכ מאכנ אומבאמערקט; כא־ כא־כא, אומבאמערקט, פאר די שפיקעס אומבאמערקט... געדארפט נאָכ א בערדל אָנטאָנ. ס'האָט זיכ דאָכ מיר זייער געוואָלט א בערדל...

מיטאמאָל האָב איכ זיכ דערזענ מאָדנע קליינ אונ יינגלש אינ מיינע אייגענע אויגנ. מע מוז זיכ דאָכ מער ערנסט באציענ צו אזעלכע וויכטיקע פארטיי־שליכעכנ. מע קאָנ דאָכ ניט טראכטנ נאָר וועגנ זיכ אינ אזעלכע מאָמענטנ, איכ דערמאָנ זיכ גלייכ, ווי דער „מיטגליד פונ צעקא" האָט מיר געזאָגט: „אויב איר וועט דורכפאלנ, קענט איר באקומענ קאטאָרגע, אונ מיר וועלנ מוזנ בייטנ די דירעס".

איך האָב פעסט און זיכער נאָכאַמאָל א פרעג געטאָנ דעמ מענטשנ מיט די מעשענע קנעפּ.

— וואָס דאַרפט איר?

— גייערע באַפירנ. בא אונדז טאָר מענ ניט לאָזנ קיינעמ איי־בערנעכטיקנ, ניט פאַרעגיסטרירטע אינ אדרעס־בוכ פונ פּאָליציי...

— אונ דערצו דאַרט מענ געדאַרפט וועקנ מיך פונ שלאָפ? שוינ די דריטע נאכט, אז איך שלאָפ ניט, איך בינ אלצ אינ וועג, אונ טאָמער האָב איך היינטיקע נאכט די מעגלעכקייט צו שלאָפנ א פּאָר שאָ, לאָזט מענ ניט. באַפירנ דאַרפ ער -- קיינע באַפירנ וועל איך ניט געבנ. אינ צוויי שאָ ארומ פאָר איך אוועק.

— אנטשולדיקט, בארינ... איך... איך וואָלט... פאַרשטייט איר מיך... וואָס איז מיר... נאָר פּאָליציי, איר פאַרשטייט.

— וועלכע פּאָליציי? — דאָ איז דאָ פּאָליציי? זאָל זי אריינגיינ אהערצו, וועל איך איר געבנ דעמ פּאַס מיינעמ.

— ניינ, בארינ, דאָ איז קיינ פּאָליציי ניטאָ. וואָס זאָל זי דאָ טאָנ? אינ אונדזער האָטעל שטייענ ניט איינ קיינ אומפּייטנ, פּאָליטע... אָהאָ, אונדזער האָטעל...

לויט זיינ ארט ריידנ האָב איך זיך איבערצייגט, אז ער לייגט ניט, אז קיינ פּאָליציי איז דאָ ניטאָ: אז ער איז פּאָשעט געקומענ נאָכנ פּאַס. איינ סעקונדע איז מיר גאָר איינגעפאלנ א טשאד, עפּשער איז ער אויכ א שפּיק, עפּשער איז ער אויכ איינער פונ יענע, וואָס דינענ דאָ אינ האָטעל לעבאָנעמ וועגנ, נאָר איך האָב באלד זיך געשטאַרקט.

איך האָב שוינ מיטנ לאקיי גערעדט געלאסענער. איך האָב אימ געזאָגט, אז אינ א פּאָר שאָ ארומ וועל איך אלצייגנס אוועקגיינ אונ פאַרלאָזנ אינגאנצנ דעמ צימער. איך פאָר צו א שוועסטער. אונ ווייל עס איז געווענ שפּעט באנאכט, האָב איך ניט געוואָלט קלאפּנ צו איר, בינ איך פאַרפאָרנ אהער. אויב ער וויל, קענ ער קריגנ דעמ פּאַס, נאָר מיר ווילט זיך ניט האָבנ קיינ אייסעק מיט אימ, ווייל איך מוז דעמ פּ״ס אינ א פּאָר שאָ ארומ האָבנ צוריק.

דער לאקיי [illegible] זיך זייער אנטשולדיקט, וואָס ער האָט מיך באַ־אומרויקט. ער [illegible] מיך געבעטנ געלייבנ אימ זיינ ערנ־וואָרט, אז ווענ [illegible] דער באלע[illegible], וואָס לאָזט אימ ניט צורו, וואָ״ט ער דעמ באַ־

דינ, נאטירלעכ, ניט באומרויִקט. נאָר מע איז, פארשטייט איר דאָכ בא יענעמ...

אז דער לאקיי איז ארויס אונ בא מיר אינ צימער איז שטיל געוואָרנ, האָב איכ זיכ נאָכ עטלעכע מינוט צוגעהערט צו דעמ, וואָס קומט פאָר אינ קאָרידאָר. צי שושקעט ער זיכ ניט שטילערהייט מיט אנ אָקאָלאָדאָטשניעמ, אָדער א זשאנדארמ. אינ קאָרידאָר איז געווענ רויִק אונ שטיל.

ערשט איצט האָב איכ זיכ גענומענ פאר זיכ אליינ, איכ האָב אינ בעט ליגנדיק, זיכ אליינ אפנ קאָל געזידלט, פארוואָס בינ איכ אזא פאכדנ, פארוואָס האָב איכ געציטערט אינ וואגאָנ... דורכ דעמ ציטערנ אליינ קענ מענ גיכער דורכפאלנ: קיינער איז מיר ניט נאָכגעגאנגענ, קיינער האָט מיכ ניט געזוכט...

אינדערפרי האָב איכ גענומענ גאנצ קאלטבלוטיק דאָס פעקעלע פראָקלאָמאציעס אונ עס אריבערגעטראָגנ צו מיינ שוועסטער. פונ דאָרטנ בינ איכ אוועק לויט דעמ אָנגעוויזענעמ אדרעס צו איינעמ אנ אָנגעשטעלטנ אינ א מאנופאקטור־געשעפט, האָב אימ איבערגעגעבנ, אז איכ האָב אביסל סכוירע צו פארקויפנ. אז איכ וואָלט וועלנ, ער זאָל צו מיר אריינגיינ אינ נומער”. איכ האָב אימ אפ א שטיקל פאפיר איבערגעגעבנ דעמ אדרעס אונ די שאָ, וועלכע איכ וועל זיינ אינדערהיימ.

דער אָנגעשטעלטער האָט א שמייכל געטאָנ אונ געפרעגט:

— אייכ האָט געשיקט דער פעטער?

— די באָבע, — האָב איכ אימ געענטפערט געדיימ.

אינ א פאָר שאָ ארומ האָט מענ בא מיר אלצ צוגענומענ אונ איכ בינ געווענ אינגאנצנ א ריינער.

צוריק פאָרנדיק האָב איכ זיכ שוינ ניט באהאלטנ, נאָר, פארקערט, איכ האָב זיכ מאָדנע האָזעדיק געדרייט פאר די אויגנ פונ זשאנדארמ, ער זאָל בא מיר פרעגנ א פאס, ער זאָל בא מיר מאכנ אנ אונטערזוכונג.

אז איכ בינ געקומענ אהיימ, האָב איכ זאכלעכ, ווי א גרויסער, אָפגעגעבנ א באריכט וועגנ דער רייזע. איכ האָב זיכ פאָשעט געשעמט צו דערציילנ פונ מיינ מוירע אונ כשרעק, פונ די כשאָדימ אונ פארדאכטנ, וואָס איכ האָב געהאט...

מיינע כאווירים האָב איך אויך שבעטער ניט דערציילט וועגן דער נעסיע, וואָס איך האָב געהאַט אין דווינסק. נאָר ניט איינמאָל, ווען דער כיישעק פון אנטפלעקן דעם סאָד איז געווען זייער גרויס, האָב איך זיי דערציילט א פאנטאסטישע מיַיסע וועגן דעם, וויאזוי „מיינער א באקאנטער" האָט איבערגעפירט פון אייב שכאָט אין דער אנדערער פראָקלאָמאציעס און דערביי האָט ער געהאט ניט קיין גע־ווינלעכע באגעגענישן, קלוימערשט, מיט זשאנדארמען, מיט שפיקעס, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט פון אלע זייטן און ער האָט זיך ארויס־געדרייט פון זייערע הענט. דעם „מיינער א באקאנטער" האָב איך געמיינט זיך אליינ..

אָט אזוי האָט געארבעט די קינדערשע פאנטאזיע...

א פּעקעלע שמעקטאַבאַק

וואָס איזיא האָט געזען

איזיא איז געווען גאָר יונג, ווען ער האָט געמוזט אוועקגיין אַרבעטן אין דער פאַבריק. אים איז קוים געוואָרן 13 יאָר, און פונדעסטוועגן האָט ער שוין באַוויזן פיל זאַכן צו זען.

אז איזיא איז געווען א קינד, האָט ער געפילט נאָר איין צייט אין יאָר — זומער. זומער האָט מען ניט געדאַרפט האָבן קיין שיכלעך, מע קאָן אומלויפן באָרוועס. עס איז טאַקע געזינטער אויך. זורמער דאַרף מען ניט האָבן קיין וואַרעם בעגעדל: די זון וואַרעמט אזוי שטאַרק אין זייער שטעטל, אז אלע דערוואַקסענע אפילו זיצן פאַרנאַכט אף די פריזבעס צעכראַסטעטע. און וויבאַלד מע דאַרף ניט האָבן קיין שיכלעך און וואַרעמע בגאָדים, פלעגט טאַקע איזיא ארומלויפן איבערן באַרגיקן געסל, וווּ זיי האָבן געוווינט, יאָגן זיך נאָך טויבן, רייסן עפּל פון די סעדער, וואַרפן זיך מיט שטיינער, לייגן „באַבעס" אין טײַך מיט פלאַציקע שטיינדלעך.

אמאָליקע יאָרן זײַנען קיין פּיאָנערן ניט געווען, און קיין שולן פאַר אָרעמע קינדער זײַנען אויך ניט געווען. איזיא איז געגאַנגען אין כיידער. אָבער איזיא האָט פײַנט געהאַט דעם רעבן, דעם סידער, דעם טילים *. פלעגט ער טאַקע אנטלויפן אפן לאָנקע, אָנשטאָט צו גיין אין כיידער. און דאָרט אפן לאָנקע, לעבן דער גרויסער אָזערע, פלעגט מען שטיפן גאַנצענע טעג.

זומער איז געווען גוט, אָבער ווינטער איז געווען שלעכט. ווינטער מוז מען האָבן שיך, ווינטער מוז מען האָבן א בעגעד, א וואַרעם היטל, אז ניט, קען מען פאַרפראָרן ווערן, ווי מיקיטע איז

* סידער, טילים — רעליגיעזע געבעט־ביכער.

פאַרפראָרנ געוואָרנ. אינ איזיאס שטעטל איז געווענ אַזאַ גרויסער, הייכער מינוטע. איז ער איינמאָל ווינטער... נאָר וועגנ דעמ וועלנ מיר דערציילנ אַנ אַנדערש מאָל. איצט וועלנ מיר בעסער דערציילנ וועגנ איזיאנ.

איזיאנ איז ווינטער געווענ זייער שלעכט. גאַנצענע טעג אונ נעכט פלעגט ער ליגנ אויפנ אויוונ.

פונדעסטוועגנ קענ מענ ניט זאָגנ, אַז איזיא איז ווינטער ניט געווענ אינ גאַנצ. עס פלעגט טרעפנ אַמאָל, אַז זײַנ עלטערער ברו־דער, נאָטקע, וואָס האָט געאַרבעט אינ דער טאַבאַק־פאַבריק, פלעגט ווערנ קראַנק אונ ער פלעגט ליגנ אויפנ אויוונ צוגעדעקט מיט אַלטע צ[illegible] בגדימ, מיט וועלכע די מאַמע פלעגט געוויינטלעכ צו־דעקנ די דייזע, פלעגט איזיא אַרײַנשפּרינגענ אינ זײַנע גרויסע וואַליקעס, אַרײַנקריכנ אינ זײַנ פעלצל, אָנרוקנ אויפ זיכ דאָס גרויסע באַראַשקע־היטל אונ פלעגט אַנטלויפנ אינ „מאַרק" אַרײַנ.

דאָס מענטשל זײַנס האָט פונ דעמ קראַגנ אונ גרויסנ היטל אויס־געזענ, ווי אַ פּײַג אונטער אַ דעכעלע [illegible] קליינע אייגעלער האָבנ געברענט, אונ עס האָט זיכ געדוכט [illegible]יצ צוגעפראָרנ [illegible]

דאָרט אינ מאַרק האָט ער זייער פיל געזענ. ער האָט [illegible] אַ גרויסנ צווייטאָקיקנ טויער, מיט אַ גרויסער קראָמ, אינ [illegible]צטער זײַנענ געווענ אַרויסגעשטעלט אַזעלכע גרויסע גאָלדענע צוקערקעס, מיט גרויסע בערד. דאָ האָט ער געזענ אַ רויט וואַגאָנדל מיט אַ לאָקאָמאָטיוו, לעבנ אימ איז געלעגנ אינ אַ בעטעלע אַ גרויסע שיי־נע כאָכקע...

דאָ, בײַ דעמ פענצטער איז ער איינמאָל לאַנג־לאַנג געשטאַנענ, געשטאַנענ אונ געקוקט אויפ די גוטע זאַכנ אונ געטראַכט.

— גווירישע קינדער האָבנ אַלצ...

איז־אָכ. איז ער אַמאָל אַזוי געשטאַנענ פאַרטראַכט אונ געקוקט אויפ די גוטע זאַכנ, ערשט מיטאַמאָל האָט אימ איינער אַ זעצ געטאָנ אינ קאָפּ אַזוי, אַז אימ האָבנ זיכ אונטערגעהאַקט די פיס, אונ דאָס באַראַשקע־היטל איז אַראָפּגעקראָכנ ביז איבער די אויערנ אונ אויגנ...

קוים אַרופגערוקט דאָס היטל, האָט ער זיכ אַרומגעקוקט אונ דערזענ, אַז אַנטקעגנ אימ שטייט אַ יינגעלע אינ אַ שוואַרצער פעל־צענער טאַבאַכע, אינ אַ וואַרעמ בעגעדל, ווי אַ קאַזאַקל, מיט אַ

...ער האָט געזען, ווי דעם ברודער זיינעם, נאָטן, האָט מען אַרעסטירט...

שווערד אָן דער זייט. די בעקעלעך רויטע, שטראַלנדיקע. און די איי־געלעך שטיפּערישע, צופרידענע..

— וויש אָפּ די נאָז, באַלד וועלן בא דיר פּוץ דאָס מויל.

— וואָס איז דיין דייגע פאַר מיין נאָז?

— זעסט דאָך, אַז מיר איז יאָ א דייגע.

און דאָס יינגעלע האָט אופגעהויבן זיין הענטל און אים נאָך אַמאָל געוואָלט אַראָפּלאָזן א פּאַטש. איזיא האָט זיך א דריי געטאָן. דאָס יינגעלע האָט ניט געטראָפן און איז געפאַלן.

...יטאַמאָל איז פון דער קראָם אַרויסגעגאַנגען א הויכער דיקער ייד, מיט א גאָלדענער קייט אַפ דער ברוסט און אַרויסגעבראַמט:

— שייגעץ, איך וועל דיר ווייזן, ווי צו שלאָגן מיין זון.

איזיא האָט זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן. און נאָך אים איז נאָכגעלאָפן דאָס יינגעלע מיט א שטעקן און נאָך דעם יינגעלע איז גע... ...ן גראָבער טאַטע און הייזעריק געשריען:

סאַשקע, אין קראָם אַריין, סאַשקע!..

...ט יעמלט אָן געדענקט ער צוויי זאַכן: די שיינע צוקערקעס און דעם גראָבן יידן. די צוקערקעס האָט ער אַדאַנק האָלט, און דעם גראָבן יידן, דעם קרעמער האָט ער אַדאַנק פיינט.

— וואָס האָט ער געהאַט צו מיר, איך האָב דאָך זיין סאַשקען ניט געשלאָגן?...

ער האָט אַמאָל געזען נאָך א זאַך. דאָס איז, עמעס, געווען זייער שפּעט באַנאַכט, אָבער ער האָט עס פאַרגעדענקט אַפ זיין גאַנץ לעבן.

עס איז אויך געווען ווינטער. ער איז געלעגן אַפן אויוון און איז גראָד זייער געשמאַק געשלאָפן. עס איז געווען שאַבעס. דער טאַטע האָט ...ארבעט (אַמאָל פלעגן יידן ניט אַרבעטן אין שאַ־בעס). ה... ...ר אָנ...אָן דעם טאַבנס וואַרעמע בגאָדים און האָט זיך א גאַנצן ב... ...ם אַפ א מולטערל פון דעם גרויסן באַרג־אַראָפּ.

האָט ער זיך טאַקע גוט איינגעמאַטערט און געשמאַק געשלאָפן. מיטאַמאָל דערהערט ער קלאַפּ אין פענצטער און אין טיר... ער האָט זיך אַרויסגערוקט פון די שמאַטעס, מיט וועלכע ער איז געווען צו־געדעקט, און דערזען, ווי די מאַמע איז אַרויסגעלאָפן פון איר ...

מער, נאָכ איר דער טאַטע. זיי זײַנענ א װײַלע געשטאַנענ צעטומל־טע אונ ניט געוווּסט וואָס צו טאָנ.

מיטאַמאָל האָט זיכ אופגעריסנ די טיר, אונ אינ שטוב איז פול געוואָרנ מיט פּאָליציי...

ער האָט געזעהנ, ווי דעמ ברודער זײַנעמ, נאָטקענ, וואָס האָט גע־אַרבעט צוזאַמענ מיט זײַנ טאַטנ אינ דער טאַבאַק־פאַבריק, האָט מענ אַרעסטירט...

אַז די פּאָליציי האָט אוועקגעפירט זײַנ ברודער, איז דער טאַטע געבליבנ שטײנ באַמ טיש א פאַרטראַכטער אונ בײזער. מיטאַמאָל האָט ער א זעצ געטונ איבערנ טיש מיט זײַנ דיקער פאַרגראָבעטער פויסט.

— האָב זיי א שוואַרצ יאָר! אופרײַסנ דאַרפ מענ זיי!

אונ איזיאַנ האָבנ זיכ אײַנגעשניטנ אינ זיקאָרנ די בײזע אויגנ פונ זײַנ טאַטנ אינ דער דעמלטיקער נאַכט...

איזיאַ געדענקט זיי, אָט די דאָזיקע אויגנ אַדאַיאָמ.

פונ דאַנ אָנ איז דער טאַטע אומגעגאַנגענ א בײזער אונ פלעגט שעלטנדיק שילטנ די פּאָליציי, די זשאַנדאַרמענ אונ ער, איזיאַ, האָט אויכ דעמלט אומבאַוווּסטזיניק, אונ שפּעטער באַוווּסטזיניק, פײַנט געקראָגנ די פּאָליציי אונ זשאַנדאַרמענ.

מע וואָלט געקענט פיל זאַכנ איבערעכענענ, וואָס איזיאַ געדענקט, אָבער דאָס איז איבעריק. איר זעט שוינ מיסטאָמע, אַז איזיאַ איז געווענ א ייִנגל פונ אַרבעטער־עלטערנ אונ וואָס א קינד פונ אַר־בעטער־עלטערנ האָט זיכ געקאָנט אויסשטעלנ אינ דער אַמאָליקער צאַרישער אָרדענונג, פרעגט אײַערע עלטערנ, וועלנ זיי אײַכ דער־ציילנ.

אונ דאָס אַלצ, וואָס איזיאַ איז אויסגעשטאַנענ, האָט ער פאַר־געדענקט אונ האָט עס געקליבנ בא זיכ אינ האַרצנ...

עס איז אימ שפּעטער צונוצ געקומענ, ווענ ער איז אָנגעקומענ אינ דער פאַבריק אַרבעטנ.

איזיאַס כאַווער־מוישקע

אינ דער טאַבאַק־פאַבריק, ווו איזיאַ האָט געאַרבעט, האָבנ גע־אַרבעט נאָכ אַסאַכ קינדער. אַלע פונ אַזעלכע אַרבעטער־עלטערנ, ווי איזיאַ. איזיאַ האָט אינ דער פאַבריק געהאַט צווישנ די קינדער זײַ־

ער פיל כאוויירימ. נאָר איינ כאוועր איז בא אימ געווענ טײַערער פונ אלע כאוויירימ — דאָס איז געווענ מוישקע.

מוישקע איז געווענ מיט א יאָר עלטער פאר איזיאנ, אָבער אינ דער פאבריק איז ער אָנגעקומענ מיט צוויי יאָר פריער פאר אימ. ער האָט געקלעפּט באנדעראָלקעס אפ די פּעקלעכ פּאפּיראָסנ.

מוישקע איז בא די קינדער געווענ דער „עלטערער". אלע פלעגנ אימ פאָלגנ.

אָבער מוישקענ האָבנ ליב געהאט אויכ די עלטערע כאוויירימ. אפילע שלוימקע, וואָס איז שוינ עטלעכע מאָל געווענ ארעסטירט, אונ פאר וועמענ אפילע דער אלטער באלעבאָס אליינ פלעגט מוירע האָבנ, אָט דער שלוימקע פלעגט אויכ גאנצ אָפט א רופ טאָנ צו זיכ מוישקענ אונ פלעגט מיט אימ לאנג־לאנג וועגנ עפּעס ריידנ, אונ אזוי כאווערישע ריידנ, ווי מיט א גרויסנ.

מוישקע פלעגט גאנצ אָפט קומענ אינ דער פאבריק א „געפּאק־טער"... ער פלעגט דעמלט גיינ שטיל, געלאסנ, קוימ וואָס ער פלעגט זיכ באוועגנ.

אלע ארבעטער האָבנ שוינ געהאט דעמ סימענ: גייט מוישקע שטיל, געלאסנ — הייסט עס, אז הײַנט וועט שוינ אינ דער פאבריק זײַנ א פּראָקלאמאציע, וועט מענ זיכ שוינ דערוויסנ נײַעס.

אז מע פלעגט אָנהייבנ ארבעטנ, פלעגט מוישקע זיכ פארשטעקנ אינ א ווינקעלע, פאנאנדערבינדנ די פּראָקלאמאציעס אונ פלעגט זיי פאנאנדערלייגנ בא יעדנ ארבעטער אפ זײַנ אָרט.

די ארבעטער האָבנ ליב געהאט מוישקענ, שלוימקע האָט ליב געהאט מוישקענ אונ איזיא האָט אימ אויכ ליב געהאט.

האָבנ זיכ אָט די צוויי כאוויירימ, מוישקע אונ איזיא, געלעבט צווישנ זיכ זייער גוט.

איינמאָל פארנאכט, אז די ארבעט איז שוינ קימאט געווענ פאר־ענדיקט, האָט מוישקע א ווונק געטאָנ צו איזיאנ.

— הײַנט וועלנ מיר גיינ אפ דער בירזשע.

די יונגע כעוורע פלעגט מענ אפ דער בירזשע ניט שטארק לאָזנ גיינ. אָנ מוישקעס דערלויבעניש פלעגט מענ אפ דער בירזשע ניט טאָרנ ארופקומענ, ווײַל גאנצ אָפט פלעגנ קאזאקנ אָנפאלנ אפ דער בירזשע אונ פלעגנ שלאָגנ מיט נאהײַקעס. עלטערע ארבעטער פלעגנ

קענען זיך פארטיידיקן אָבער יונגע, קימאט קינדער — זיי פלעגן אָפט פאלן א קאָרבן פון די צעבושעוועטע קאזאקן.

אָבער די קינדער פלעגט זיך זייער וועלן זיין, ווו די גרויסע. עס פלעגט זיך זייער אָפט טרעפן, אז זיי פלעגן קומען אף דער בירזשע אליין. די עלטערע פלעגן פּראָטעסטירן, ביז עס איז איינגעשטעלט געוואָרן א דיסציפּלין: אָן דער דערלויבעניש פון דעם „אָנפירער", טאָר קיין איין יונגטלעכער ניט זיין אף דער בירזשע.

איז מאקע בא איזיאן געווען א גרויסע סימכע: היינט וועט ער זיין אף דער בירזשע.

— איך אליין דארף קומען? האָט געפרעגט איזיא בא מוישקען.

— דו קריגסט צו זיך א דריי־פיר יאטן, אָבער קרעפּטיקע, וואָס וועלן קענען אויסהאלטן.

— עפּשער וועט מען קענען שיסן, צוליב וואָס גייען מיר היינט אף דער בירזשע?

— קריגסט צונויף די יאטן...

און אז מוישקע האָט געזאָגט, איז געווען היציק. אין פינף מינוט ארום זיינען זיי שוין געשטאנען אין א ווינקעלע פון דער פאבריק, דאָרט, ווו עס זיינען אָנגעוואָרפן די צעבראָכענע קעסטעלעך. מוישקע איז געזעסן אף א צעבראָכענעם קעסטל, דאָס היטל אָנגערוקט. די אויגן פארוואָרפן צום הימל.

— איז אָט, בחורע, היינט שטייט אונדז פאָר א גרויסע שטיק ארבעט. ווער עס וועט זיך אויסצייכענען אין דער ארבעט, דער וועט קענען אלע טאָג זיין אף דער בירזשע.

אלע זיינען מיטאמאָל שטיל געוואָרן, פונקט ווי די הערצער וואָלטן זיך אָפּגעשטעלט בא אלעמען.

אף דער בירזשע האָט זיך איינגענאדזשעט א שפּיאָן.

— א שפּיאָן?

— יאָ, א שפּיאָן.

— קען מען דאָך אים אריינלאָזן א מעסער אין זייט, האָט ארויסגעזאָגט איזיא.

— אז מע וועט בא דיר פרעגן, וועסטו דאן זאָגן.

איזיא האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ א פארשעמטער.

— אף דער בירזשע טאָר מען אים גאָרניש ניט טאָן. אז ניט

וועלן די צארישע היינט נאָך מער אָנפאלן אפ דער בירזשע. איז אָט, האָט מען היינט באַשלאָסן, אז איינער פון די כאוויירים זאָל אראָפ פון דער בירזשע, קלוימערשט, ווי ער גייט אפ א פארזאמלונג. וועט דאָך דער שפּיק זיך א לאָז טאָן נאָך אים. וועלן מיר אים אין א ווינקעלע ערגעץ דארפן דערווערגן. אלע זאָלן מיך פאָלגן.

אלע זאָלן זיך אונטערגעבן מיין יעדע פאַראָרדענונג.

— גוט.

אלע האָבן זיך אָנגעשטרענגט. עס איז אדורך איבערן לייב אן אנגענעמענער שוידער.

— אָבער כאוויירים, — האָט געזאָגט מוישקע — טאָמער וועט מען וועמען עס איז פון אונדז פאקן, זאָלט איר וויסן, אז מע דארף זיך האלטן, ווי העלדן.

— נו, דאָס וועלן מיר שוין זען...

אלע קינדער האָבן ניט נאָר ניט מוירע געהאט, נאָר זיי האָבן, פארקערט, געוואַרט אפ אזא מאָמענט, ווען זיי וועלן קענען באווייזן, אז זיי זיינען ארבעטער, אז זיי זיינען שוין ניט קיין קינדער.

— נו, און איצט צו דער ארבעט.

אלע זיינען זיך צעגאנגען. מוישקע האָט א שלעפ געטאָן איזיאן פאר דער האנט.

— קויפ א פעקעלע שמעקטאבאק, זאָל זיין אין קעשענע.

— אפ וואָס?

— פרעג ניט, איך וועל דיר שפּעטער דערקלערן.

דער טאָג איז שוין לאנג אוועק ערגעץ וייט הינטער דער שטאָט אין די אלייען פון שטאָט־גאָרטן האָט זיך שוין געכומעט ארייַנקלייבן. די טונקל־בלאָע לופט פון זומערדיקן אָוונט. אפ דער בירזשע איז געווען פול. צווישן אלעמען איז אומגעגאנגען שלוימקע, א הויכער, א פעסט־געבויטער, פלעגט צוגיין דאָ צו איין קופּקעלע, דאָ צו א וייכער, פלעגט עפעס זאָגן, פלעגט עפעס פרעגן...

ניט וייט פון דער בירזשע, אפ דער צווייטער זייט גאס, איז געשטאנען עפעס א פאצעטל, אן אויסגעפוצטער אין א מאָדע־פאלטאָ, מיט א מאָדנעם הוט... ער האָט געקוקט אפ דער בירזשע, געקוקט אפ שלוימקען.

מוישקע איז אויכ געקומענ אפ דער בירזשע. באלד נאָכ אים איז געקומענ איזיא.

איזיא איז דאָס ערשטע מאָל געגאנגענ אפ אזא פאראנטוואָרט־לעכער ארבעט. אים איז געווענ אנגענעם, אָבער ער האָט אויכ מוירע געהאט. ניט פאר דער פאָליציי האָט ער מוירע געהאט. זינט ער האָט געזענ פאָליציי בא זיכ אינ שטוב, ווענ מע האָט ארעסטירט זיינ ברודער, זינט זיי האָבנ זיינ ברודער געשלאָגנ מאקעס־דערצעכ אזוי, אז ער איז געשטאָרבנ אינ שפיטאָל, פונ דעמאָלט אָנ האָט ער פאר דער פאָליציי קיינ מוירע ניט. פארקערט, יעדעס מאָל, וואָס ער דער־זעט פונווייטנ א פאָליציאנט, צינדנ זיכ אינ אים אָנ די בלוטנ, עס דערוועקט זיכ אינ אים א גייאלדיקע שינע צו דער פאָליציי, צו די שפיקעס, צו דער גאנצער בלוטיקער צארישער אָרדענונג, וואָס הייסט — זעלבסטהערשונג...

ער האָט מוירע פאר אנ אנדער זאכ. ער האָט מוירע, ער זאָל ערגעצ־ווו ניט מאכנ קיינ פעלער.

איזיא איז געשטאנענ לעבנ א בוים, ווו עס איז געווענ אָפ־גערעדט אונ געקוקט אפנ שפיק. דער שפיק איז געווענ א דיקער, א פולינקער, ווי א פעכלע, מיט א גאָלדענער קייט אפ דער די־קער ברוסט. איזיא האָט זיכ דערמאָנט אָנ סאשעס טאטנ, וואָס איז נאָכגעלאָפנ נאָכ אים, ווענ ער האָט געקוקט אינ פענצטער אפ די גאָלדענע צוקערקעס. אונ אינ איזיאנ האָבנ זיכ נאָכ מער אָנגעצונדנ די בלוטנ. ער איז געשטאנענ אנ אָנגעגרייטער אויסצופילנ יעדער פליכט, וואָס עס וועט אפ אים ארופלייגנ זיינ אָנפירער, מוישקע.

דערווייל איז שוינ געוואָרנ גאָר פינצטער. עס האָבנ זיכ אָנ־געצונדנ די עלעקטרישע לאָמפנ. די בירזשע איז געוואָרנ פול. עס זיינענ אויכ געקומענ יונגטלעכע. מוישקע איז צוגעגאנגענ צו די יונגטלעכע אונ האָט זיי געגעבנ א פאראָרדענונג.

— צעגייט זיכ, שטעלט זיכ אפ די ווינקלענ פונ ווילנער גאס, אפנ צווייטנ קווארטאל. יעדער זאָל האָבנ אינ קעשענע צו צוויי שטיינער. אונ אפ דער ערד זאָל אויכ זיינ צו עטלעכע שטיינער, אונ דו, איזיא, קום מיט מיר.

זיי זיינענ אוועק.

— דו גיי פונ הינטנ. באלד וועט שלוימקע אוועק פונ דער בירזשע.

גיכער פאר אלץ וועט נאָכ אים נאָכגיינ דער שפיק. אפנ ראָג וויל־
נער גאס וועל איכ אים פארלויפנ דעמ וועג און וועל אים אונ־
טערשטעלנ א פיסל. וועט ער פאלנ איז אוואדע גוט, וועט ער נ־

... אין אינטערגעקליינטן איזא אין אים אריינגעלאפט אין
פאָגעט אריינ א גאנצנ הויפנ שמעקטאבאק.

פאלנ, זאָלסטו צולויפנ צו אים און אריינשיטנ אים אינ די אויגנ
ארייג דיינ פעקל שמעק־טאבאק. און נאָכדעמ וועלנ אונדזערע יאטנ
דעקנ אים מיט שטיינער.

באלד איז שלוימקע אראָפּ פון דער בירזשע. ער איז אוועק איבערן טראָטואר פון ווילנער גאס.

און, אקוראט, ווי זיי וואָלטן צווישן זיך אָפּגערעדט, איז דער שפיק אוועק נאָך אים.

אפן ראָג ווילנער גאס איז מוישקע געשטאנען און געווארט אפ שלוימקען און אפן שפיק. ווי נאָר שלוימקע איז דורכגעגאנגען און האָט פארקערט אין א צווייטער גאס, האָט זיך מוישקע אָפּגע־ריסן פון זיין אָרט, איז אומבאמערקט אונטערגעלאָפן צום שפיק אזוי, אז דער שפיק האָט זיך פארטשעפעט אַן זיין פוס. דער שפיק האָט זיך א דריי געטאָן, זיך עטלעכע מאָל א וואקל געטאָן און איז ניט געפאלן.

— צום טייוול, וואָס דרייסטו זיך אונטער די פיס! איך דריי דיר אראָפּ דעם קאָפּ.

— וואָס, דיר געפעלט ניט, שפיק, — איז אונטערגעפלויגן איזיא און אים אריינגעלאָפּעט אין פּאָנעם אריין א גאנצן הויפן שמעקטאבאק.

— אי — האָט ער א געשריי געטאָן. — קאנאליע! איך דר'ערד זאָלסט איר גיין. ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א פייפל און האָט שוין געוואָלט אָנהייבן פייפן, עס זאָלן זיך צונויפלויפן גאָראָ־דאָוויעס, נאָר מוישקע האָט א געשריי געטאָן:

— יאטן, צו דער ארבעט!

און פיר יאטן האָבן זיך אָפּגעריסן פון זייערע ערטער, זיינען וגעלאָפן צום שפיק און אים גענומען דעקן מיט שטיינער.

— נא, שפיק, וועסט ווייטער וויסן, ווי נאָכצושפּירן אונדזערע יאטן.

— פארקריפטע נעטאָמע!

— פארשוואָלענער כאזער!

— נא! נא! . . . .

. . . .

אפ מאָרגן איז אין דער פאבריק געווען לעבעדיק. די עלטערע ארבעטער האָבן לאבנדיק דערציילט, ווי זיי האָבן פונווייטן, פון דער בירזשע געזען, ווי דער שפיק האָט זיך געוואלגערט אפ דער גאס, און די יונגע כעווריע האָבן אים געדעקט מיט שטיינער.

פון דאן אָן איז שוין איזיא און זיינע איבעריקע כאוויירים געווען אפ דער בירזשע, ווי איינענע מענטשן.

אינהאלט

	זײט
1. א צונג	3
2. אין בלויענ קעסטעלע	19
3. א פארשטערטער יאָנטעוו	33
4. דער שפּיאָנ אינ דער שול־הויפ	46
5. א מײַסע מיט א פעקל	59
6. דער ערשטער פאָרשלאַג	73
7. א פעקעלע שמעקטאַבאַק	91

Сдано в производство 7 III-33. Подписано к печати 2 IV-33
формат бумаги 82X110/32 3 1/4 п. л.
72000 зн. в п. л. „ЭМЕС“ 208 Уп. главлита В-31350 Тираж 4 000
Редактор С. Стрелиц. Техред. И. Тененбаум. Корректор—Х. Битер

Тип. Изд-ва „Дер Эмес“, Москва, Покровка 9.

פארלאג „עמעס"

מאָסקווע, סטאראָפאנסקי געסל, 1.

ס'זיינען ארויס פון דרוק און עס געפינען זיך
אין פארקויפ:

מ. אילין — וויפל איז דער זייגער, 88 זייטן 80 קאָפּ.

באַיארסקאיא — ארבעט-שפיל-געזאנג
לידער מיט נאָטן, פרייז 1 רובל

גומיליעווסקי — קארא-קום, 40 זייטן 30 קאָפּ.

מ. גאָרקי — מייסעלעך וועגן איטאליע, 20 זייטן 10 קאָפּ.

י. דאָברושין — קאָלווירטישע קינדער, 56 זייטן 35 קאָפּ.

טאמעליני — אף די ברעגן פון דער טייגע
90 זייטן 60 קאָפּ.

יוריעוו — דער שטורעם-אָנזאָגער, רייך אילויסטרירט,
גרויסער פארמאט, 32 זייטן 50 קאָפּ.

יאקאָווליעוו — יאשקע, 48 זייטן 30 קאָפּ.

מארשאק — א סרייפע,
רייך אילויסטרירט גרויסער פאָרמאט, 35 קאָפּ.

ע. מעשטשינסקי — פיאָנער היט דיין געזונט,
96 זייטן 75 קאָפּ.

פארלאג „עמעס"

מאָסקווע, סטאראָפאנסקי געסל, 1.

ס'זיינענ ארויס פונ דרוק אונ עס געפינענ זיכ אינ פארקויפ:

ליבע ניימאנ — קאָטונע „דער עמעס", 32 זייטנ 12 קאָפּ.

י. פערעלמאנ — א צייטונג-בויגנ, 32 זייטנ 25 קאָפּ.

א. מ. שאגיניאנ — אגיט-וואגאָנ, 20 זייטנ 18 קאָפּ.

ב. אָרשאנסקי — א צונג, דערציילונגענ רייכ אילוסטרירט, 104 זייטנ, פרייז 1 ר. 30 קאָפּ.

עס גרייט זיכ צומ דרוק אונ אינגיכנ דערשיינט:

ד. האָפשטיינ — נאוויגאציקל (פאָעמע פאר קינדער.

ל. קוויטקאָ — קינדער-מייסעלעכ

אי. קיפניס — מייסעלעכ פאר קינדער

1 руб. 30 коп. 1 רובל 30 קאָפּ.

Переплет 30 к. אײַנבונד 30 ק.

Б. ОРШАНСКИЙ

Я З Ы К

Изд-во „ЭМЕС“, Москва, Старопанский пер., 1.